STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07381

TSVISHN YAMEN UN FLAMEN

Mattes Deitch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צווישן ימען
און
פלאמען

צעשינסקיס פארלאג
שיקאגא

מאַטעס דייטש

צווישן ימען
און פלאַמען

אַכט פּאָעמען — אייביקע פּראָבלעמען

1937 - 1941

פאַרלאַג מ. צעשינסקי — שיקאַגאָ, איל.

MATTES DEITCH . . . "SEAS AND FLAMES"
M. CESHINSKY, PUBLISHER
CHICAGO, ILLINOIS - NINETEEN FORTY-ONE

COPYRIGHT, 1941, BY
MATTES DEITCH, CHICAGO, ILLINOIS
Printed in U. S. A.

געזעצט און געדרוקט אין דער יוניאן דרוקעריי
פון דער גלאבוס פרינטינג קארפאריישאן . . .
1939 וועסט נארטה עווענוי . . . שיקאגא, איל.

דריי אַריינפיר לידער

פון מיין בוך

„אונטערן יידישן דאַך"

7

יעקב ראַנגלט זיך ווידער מיט אַ מלאך

אַ איד לויפט אַ צעמיטשטער פון אַלע פלאַמפייערדיקע גרוילן,
אַ איד אַ פראָסטער, וואָס טראָגט גאַנץ פריי דעם חומשדיקן נאָמען יעקב.
די וועלט פאַרוים אים, הינטער אים, ליגט שרפהדיק איינגעקנוילט אין תהו
און דער סוד פון זיין, פון קץ, איז פאַר זיין פריגעבאָרנקייט פארהוילן.

אַוואו ער גייט און שטעלט אַ טראָט — אַ פייערגעשטאַלט אים קומט אַקעגן,
ער וואָלט געשוואוירן, אַז ס'איז אַ מלאך, אַ מלאך כולו סדום־שוועבל;
נאָר ס'איז דער איד אַ פראָסטער שבפראָסטער און האָט קיין מלאך קיינמאָל
ניט געזען, אפילו אינעם געשטאַלט פון אַ וואָלקן נאָך אַ רעגן.

דאָס בייזע פייער־געשטאַלט פאַרלויפט אים פאַראויס אַלע שטעג־וועג־טייכן.
כאַטש נעם און פלי אַרויף אויף דמיונדיקע פליגל גלייך צו די הימלען.
זעט, הימלען! איינציק־איין בין איך, ניט ווי אין חומש דער פאָטער יעקב
צעטיילט אויף מחנות, אין געלאַף פון פדן־ארם, ביי עשו'ס גרייכן.

פונם פראָסטן אידנס שטערן טריפט שוויים טראָפנדיק ווי פון אַ בירט — אויל;
נאָר ער אַליין איז אָנגעגרייט מיט די הענט גראַד ווי עראָפלאַנפליגל —
ער פלייסט געשטאַרקט זיך, אין דער פליטה, דורכרייסן דאָס פייערדיק געשטאַלט.
ער שטייט — אַ לעבעדיק שטיק חומש: יעקב ראַנגלט זיך באָם אָרט פניאל . . .

אויבן, איבערן אידנס קאָפּ שיינט־אויף אין פורפורשטרייף אַ טאַבלטיר,
עס לאָזט זיך אַראָפּ געגנידערט אַלץ נידריק און נידריקער צום אידס פיס
און אַ פּאַלאַצדיק לופט שלאָס, ווי אַ ראַקעט, שווימט פאַר אים אום־און־אָרום —
דאָס מאַכט פאַטערדיק אויף די אייביקייט, פאַרן איד, איר פאַראַדנע טיר.

ווער דאַרף אַ פאָלק? . . .

ווער מאַכט אַ פאָלק?
ווי אַזוי מאַכט מען אַ פאָלק?
וואָס איז אַ פאָלק,
אויב ס'איז ניט געמאַכט ווי אַ פאָלק?
גאָט, דאַרפסט אַ פאָלק?
איין-איינציקן מענטש האָט ער געדאַרפט —
האָט ער געמאַכט צו זיך אַן אָדם.
אָבער ווער דאַרף מער ווי איין מענטש?
יאָ, איינעם דאַרף אפשר יעדערער;
אָבער ווער דאַרף אַ פאָלק?
שפּראַך דאַרף אַ פאָלק.
אלף-בית דאַרף אַ פאָלק.
דער אידישער אלף-בית וויינט:
כ'וויל אַ אידיש פאָלק.
דאָס אידישע וואָרט שרייט:
גיט מיר אַ אידיש פאָלק.
דער אידישער געדאַנק צאַפּלט זיך ווייטיקדיק
אין אידישן מוח און קרעכצט:
ווען איך האָב כאָטש אַביסעלע פאָלק,
אַ קליין, טראָפּעלע פאָלק פאַר מיינע לעפצן;
ס'וואָלט מיך דערקוויקט,
דערהאַלטן מיך באַם לעבן. —
אַך, ווי איך נייטיק זיך אין אַ פאָלק.
איך, אידישער געדאַנק, דאַרף אַ פאָלק!

ווען גויאישע געטער שטאַרבן

צו דר' חיים זשיטלאָווסקי —
מיט ליבע און קולטור־יידישקייט
איבער אַלעס.

איך וויל דיך אָנקלאָגן, גויאישע וועלט;
שווער אָנקלאָגן אויף דור־דורות,
אָנקלאָגן לחומרא, —
אויף מיין עניוותדיקן פאָלק־מאַמע־לשון, אָנקלאָגן;
אינעם לשון פון די דינסטן, צדיקים און מאָדערניסטן
וועל איך פאַרקינדיקן דעם פסק־דין דיינעם, וועלט:
ווי איז צו די גויאישע געטער דיינע,
וואָס שטאַרבן אַ ברואימדיקן טויט, —
ווי ס'איז וואויל באַקאַנט אינעם אָנהייב צוואַנציקסטן י"ה.
צום גרייז און צום קינד,
דורך שרעקאַנטוישונג פון וויי און ווינד.
ווער נאָר ס'איז אָנגעקליידט (אַ דאַרער צי אַ פעטער)
אין דיינע ראַשרווישיקע ציוויליזירטע בלעטער, —
צו אים איז גוט באַוואוסט די פגירה פון דיינע געטער.

אין פאַרגלייך מיט אונדז, די כודעאָס, די יודן,
די זשידעס און שינים — אונדזער וועלטלעך אַדלשטאַם בא דיר;
אַ ירושה פון דער גרויס־פאַרשטאָקטער קריסטלעכער באַרימטקייט
וואָס איז פאַר אונדז, געלאַטעטע, קיינמאָל ניט געווען
קיין פאַרטאָגטער טאָגן אויף אַ געלייטערטן טאָג;
נאָר אויף אָפטע שוואַרצטאָגן און שוואַרצחגאָס.

ערגאָ. גלויב, כ׳וועל אַלץ פאַרגעסן, כאָטש איך קען עס
בושם אופן ניט מדחה זיין פון מיין זכרון.
אָ, איך דערמאָן עס איצט, גויאישע וועלט, בלשון מגו;
ווארום אין פאַרגלייך מיטן הייפעלע, יעקבס, האָסטו דאָך
געטער — טויזנטער, און טעמפלען — צענער־צענדלינג טויזנטער.
און אָט זע, ווי שפינוועבדיקס האָסטו איינצייטיק, אָן נחמה,
אַזוי גרינג זיי אויסגעלייגט אין פרומע רואינען שטומע —
אַ קאַוואַלקאַדע פון דיין שטענדיקן תכסיסי מלחמה.

און איצט, הער ווי איך, דער פאַנאַטישער פראָזעליט,
דער ערשטער השכלהניק און דער ערשטער קאָסמאָפּאָליט,
שטיי נאָך איצט אויך קעגן דיר ווי אַ גאַנצער ייד,
און האָב געניג כח צו זאָגן דיר, גויאישע וועלט:
האָסט ווי אַ טמאַ־פייערכוואַליע,
אין דיין באַזויפענער סאַטורנאַליע,
אַלע דיינע געטער, די גרעסטע, אויפגעגעסן
און דו האָלטסט שוין באַם לעצטן געטל דיינעם — דעמאָקראַטיע!
דעמאָקראַטיע, דו לעצטער פלאַנטער פון דער בורזשואַזער אוזורפּאַטיע!
אָ, וויים, כ׳וועל זיך תמיד האַלטן מיט מיין אייגענעם אָ נ כ י!
ווייל ס׳איז גוט צו ציטערן פאַר אים ווי אַ קינד;
ווארום אין זיין גרעסטן צאָרן אפילו איז ער דאָך
נאָר מיט אונדז און האָט אַלע ברואים אין זינען נאָך
דערפאַר שרייט ער אַזוי און דונערט בלויז: ל א ת ר צ ח!

אַכט פּאָעמען —
אייביקע פּראָבלעמען

צוויי געשטאַלטן זיינען מחדש די לבנה

(באַלאַדע)

אַ איד לויפט אויף אַ טשעכישן שליאַך.
דאָס לויפן איז אים ניט פרעמד,
דער וועג — באַקענט;
נאָר די אַלטע ערד ברוט זיינע טריט מיט יונגן פלאַם.

דער איד לערנט זיין חכמה
פונם סאַמע הייסן אויוון — דערפאַרונג;
ער גרויסט זיך: גאָט האָט ניט געהאַט אַזאַ פאַרמעג.
דערפאַרונג איז זיין פאַנצער.

מיט אַ זעקל אויף דער פלייצע,
אין אַ דרייעק פאַרקניפט מיט אַ שטריק,
איז דער אויבערשטער טייל
איין העלפט פונם מגן דוד;
נאָר די אַקסלען און זיין קאָפּ — אַ צלם;
דער איד — דער צלם און דער צלם פון דער וועלט.

יעזוס באַגעגנט דעם איד אַקעגן;
זיי שטעלן זיך אָפּ, ביידע פנים צו פנים
און קוקן זיך אָן לאַנג — אָן אייביקייט;
דיזעלבע אידישע אייביקייט,
וואָס שוועבט שטענדיק אייביק.

אַ בלאָנד בערדל קעגן אַ בלאָנדס;
בלויע אויגן זעען זיך אין בלוי;
וועלט־קינדער געמאַטערטע, פֿאַרמאַטערטע,
ריידן דאָס לשון — אויגנשפּראַך:

— איך לויף צו דער שטאָט פּראַג,
די שטאָט פֿונעם מהר״ל און פֿונעם גולם.

— איך לויף פֿון אַלע שטעט
און פֿון אַלע קלויסטערס.

— אין איין כאַלאַט בין איך, פֿונעם המון
זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט אַ באָרוועסער.

— ניטע. ניט דערמאָן אָט די ווערטער צו מיר —
המון און פּים און שטאָט.

— קוקסט אוים זיכער און אָן מורא.
טראָגסט דיין הארץ נאָך אַלץ אויבנאויף;
איך, מיינס, באַהאַלט ווי קליין ס'איז
אונטער מיין לאַטעדיקן כאַלאַט;
די וועלט טאָר עס ניט דערזעען;
זי וואָלט עס געריסן מיט אַן אָנגעשטרענגטקייט
ווי מע צופּט פּעדים פֿון שייטער־העלצער.

— אָט, ווי מיינס, וואָס איך האָב זיי אָוועקגעגעבן,
דאָס געגנאָגלטע, געקרייציקטע — דערלייזערטום.

עס נעמט זיך שפּרייטן צווישן זיי די שטילקייט,
ווי אויף נאַקעטע בערג — נאַכט־שווערקייט.
שטיל. בלויז שטילקייט שוויגט מדברדיק.

— נו, געקרייציקטער, העלף!
זיי דו דער משיח,
אַבי דערלייזט ווערן זאָל די וועלט . . .

און סע ווערט נאָך שטילער געשטילטיקט
ווי אויף דער פלאַך פון נאַקעטע בערג.

— אויב בלויז צוליב מיין געקרייציקט ווערן,
שעם איך זיך פאַר דיר . . .
דו ביסט משיח אין דער וואָר.

און איצט איז די הוילע שטילקייט אַלהעכער
און שווערשטיליקער, ווי אויפן פאַרדעקטן פנים
פון נאַקעטע בערג.

און די אויגן האָבן זיך באַ ביידע פאַרוואָגלטע פאַרמאַכט.
און ווען זיי האָבן זייערע מיסטישע אויגן
ווידער קעגן זיך אין דער זעלבער בלויקייט אויפגעמאַכט,
האָבן זיי דערזען אַ מאָדנע געשטאַלט קעגן זיך
אויפן פנים פון דער אַנטיקוואַרישע מטבע,
וואָס איר ווערט איז פאַר דער גאַנצער וועלט — לבנה.
און דאָס געשטאַלט האָט אויסגעשפרייט
אַן ארבע־כנפות פון בלאַסע שטראַלן,
וואָס האָבן איינגעוויקלט דעם קאָפּ פונם איד
און דעם קאָפּ פונם גויאישן גאָט אויכעט; —
דער געפייניקטער קאָפּ מיטן דאָרנקראַנץ
אויפן פאַרקרימטן, אַסקעטישן פנים, וואָס איז עלנד
און פאַרוואָרלאָזט ווי דאָס שטיק האָלץ,
וואָס טראָגט זיין אָפּבילד אויפן צלם;
עס שטייט איינציק באַם זייט פון גויאישן שליאַך,
דער סימבאָל פון גאָלע גוטסקייט און ליבע און רשעות.

און איצט איז די שטילקייט געוואָרן ווי טרעפּ —
די ערשטע און לעצטע פאַרנעפּלט;
אַזוי איז די שטילקייט:
געטרעפּטע שטילקייט שטילטיקט
אויף שוואַרצגעפלעקטע לעמער — געזילבערטע וואָלקנס.

פון דעם זילבערנעם ליכט איז דעם איד געוואָרן
אַכצן מאָל גוט און גרינג און היימיש און . . . געטאָדיק.

און מחמת ער האָט דערשפּירט לעם זיך נאָך אַ איד —
כאָטש לאַנג און דאַר און בלאָס איז דער איד,
(אַ צווייטער בערל פּראַגער פון די וואונדער־מעשיות)
און עס רוט אַ גרוים פאַרחלומטקייט אויף אים;
אַזאַ, ענלעך ווי דאָס בענקעניש בײַ בערלען הינטערוועגנס,
נאָכן פּראַגער רב, דעם הייליקן צדיק, דעם בעל־מופת.

טאָ אויב ס׳איז אַזוי און טאַקע ניט אַנדערש,
האָט ער אַראָפּגעטאָן דאָס קלומעקל פון פּלייצע
און גענומען זיך צעשאָקלען מיט התלהבות —
מחדש זיין די היימישע, פולע לבנה.

— שלום עליכם;
— עליכם שלום.

צוויי געשטאַלטן האָבן מחדש געווען די לבנה.
איינס: אַ געלייטערטער איד;
דאָס צווייטס — אַן עלנדזאַמער, גויאישער גאָט.

ב ע ט ה אָ ו ו נ ס ט ו י ט

צו מיין זון דניאלן
און צו זיין חבר קיווען,
געווידמעט, חבריש.

בֿעטהאָווען גייט טיף אין וואַלד, האַרבֿסט-צייט,
און דערזעט פֿאַר זיך אַ קליינעם טאָל
פֿול מיט אָקטאָבֿערדיקע פֿאַרבֿן;
זיין אויג דערזעט, זיין אויג פֿאַרנעמט:
דער זומער פֿאַרבֿט זיך פֿיל כאָטש ניט ווייט
איז אים געבֿליבֿן דער גאַנג אין צייט
צו זיין זיכערדיק שנעל פֿאַרדאַרבֿן.

בֿעטהאָווען קניט און ציט זיך אויס,
די פֿיס צום טאָל, דעם קאָפּ צום באַרג;
ער ליגט און זעט און הערט: דער הימל
ווי אַ פֿאָרהאַנג האָט זיך בֿרייט צעריקט.
ער פֿאַרנעמט אַ שטיל גערייד ווי גאַרבֿן
מיט נידריק גראָז האָבֿן זיך געקריגט:
וועמען איז באַשערט דאָס גרויסע גליק
אונטערן קינסטלערס גוף צו שטאַרבֿן.

און סע זעט זיין אויג, סע הערט זיין אויג
אַיעדן קלאַנג פון בלאַט און זאַנג,
דאָס פעלד־גערויש, דעם טייך אין גאַנג ;
ווי פליג און בין און פיקער־פויק
זעגט און זויגט דאָס גראָז, די בלום, די צווייג.
די ערד איז מיד און קלוג מיט דעם שווייג
פון קישלעוואָרעם אינעם בוימס קאַרבן.
זיין אויג פאַרנעמט נאַטורס קלאָר געזאַנג —
בעטהאָווען וויל ניט, וויל — ניט שטאַרבן.

עס רוישט דער וואַלד און ס'איז שטיל דער וואַלד.
פלוצלינג פויזעט רייפנווייז אַ שלאַנג
און וויל דעם האַלדז פון מייסטער גיפטן.
נאָר מיטן פלוצלינג קומט אויך געזאַנג —
אַ מלאך שפילט, דער וואָס היט און האַלט
דעם גרויסן קינסטלערס זעל לעם זיך
ווי אַ גאַרטל אַרום די היפטן —
עס איז געזאַנג־געמעל אין פאַרבן.
דער שר פון קלאַנג רירט אָן אויף גיך
בעטהאָוונס האַנט : דו טאָרסט ניט שטאַרבן.

בעטהאָווען שרייבט און מעקט, שרייבט און שפּילט;
ער איז ניט הי, נאָר אין לאַנד פון קלאַנג;
ער איז אין ווייטקייט און הערט גאָטס שטים:
נו, געגוג, מיין צאַרטסטער זון, פאַרפולט
מוז ווערן די שליחות פון דער שלאַנג.
ס׳שטייען אַטעמשטיל דריי געסט לעם אים,
ווי אַמאָל פאַר אברהמס געצעלט,
אין היץ פון טאָג מיט זונפלאַם-גאַרבן:
די שלאַנג, דער מלאך און גאָט — צעהעלט.
צווישן זיי, בעטהאָוונס האַנט געשטרעקט
מיט אַ זיג פון ליד קעגן שטאַרבן.

די האַנט בעטהאָוונס קלאָגט אָן און זאָגט:
ז׳דאָס דער שכר פאַר מיר וואָס געזונגען
האָב פון דיין שטערן ביז צום גרעזל?
צי קען עס קומען אַזוי פרי די נאַכט —
דער גזר פאַר מיר ווי צום פראָסטן בלעזל?
נאָר די זון פאַרגייט — אַ שלאַכט צעברענט;
און גאָט זאָגט שטיל: וועסט זיין ווי די זון;
זי ברענגט טאָג און שטאַרבט אין האָריזאָנט.
דער טעפּער קניט אַראָפּ צום שאַרבן;
ער הייבט אים אויף, וויגט אים אין די הענט:
בעטהאָוון, מיר גייען אָפּ דערקאָנט
צוזאַמען; אייביק — מער ניט-שטאַרבן.

מאַנסבילשע ליבע

— א —

מיין צדקותדיק ווייב,
הער זיך איין מיט קאָפּ,
מיט האַרץ, און בלייב געלאַסן:
שטעל זיך פאָר, אַז איך בין פּאַטריאַרך אברהם,
וואָס האָב דיך, מיין שרהן, מיט דיינע דינסטן
און דערצו נאָך — הגרן.

הער זיך איין מיט קאָפּ,
מיט האַרץ און ווערלטלעכן שכל, —
בלייב געלאַסן, זיי נישט ושתי־המלכהדיק,
און הער אויף צו טופּען איבערן טעפּיך.
ווייז מיר ניט דיינע קליינע פּיס;
זיי ניט קיין צעפּיענעטע, צעיאַכמערטע שרה.
פאַרוואָר. איך האָב אין זיך דאָס בלוט פון דוד און שלמה,
די וואוילסטע מלכימלעך,
היינט דערנעמלעכער, געטלעכער אברהם טאַקע; —

איך האָב ניט ליב, מיין ווייב,
אַז דו ווערסט גערעכט ווי זעליק פרויד
און קריגסט גאָר אייפּערזיכט אויפן מאַן,
נאָך ערגער ווי גאַנץ תורת משה.
אברהם האָט זיך הפּנים ניט געקענט גטן,
ווארום בשעתו איז נאָך ניט געווען קיין סופר.
האָט ער געמוזט בּידעווען פאַר שרהס ווענגן
און פאַריאָגן הגרן — ס׳בּיסעלע פייער פון זיך.
מיר לעבן ניט אין אברהמס צייט,
קאָנסט טופען ווייבעריש מיט דיינע שיך.

יאָ, מיין צדקותדיקע, זאָלסט פון דעם אויך וויסנזיין:
אונדזער אומפאַרשטענדעניש איז פּרוכפּעדיק אין אַלע צייטן.
דו בּיסט גערעכט, נאָר פרויד איז אודאי גערעכטער:
יעדער מאַן איז אין געהיים אַן אברהם,
און יעדע ווייב — עפּנטלעך — אַ שרה.
בלויז איין הגר בּלייבּט אויף אייבּיק — הגר;
די איינציקע אינעם דורשטיקן, הייסן מדבּר
פון די בּיליאָנען אברהמס און שרהס.
זי איז איין לבנה צווישן מיליאָסן שטערן
איבּער די קאַלטע, קריצנדיקע מדבּר־זאַמדן,
איין זון, וואָס צעגליט אַלע איינגעדרעמלטע מדבּר־שטויבּן.

ניין, מיין שטראָפֿריידערקע, כ׳וועל קיינמאָל הגרן
שוין ניט קענען מער פֿון זיך פֿאַרטרייבן.
ווייל דער פֿאָטער אברהם, דער ישרן,
וואָס האָט זיך געדונגען מיט גאָט איבער סדום,
האָט ווי אַ שוואַכלינג זיין צונג ניט אַ קערגעטאָן
קעגן שׂרהס באַפֿעלערישן גזר־דין,
נאָר האָט אים אויפֿגענומען שיקזאַליק;
און הגרן פֿון זיך און פֿון מיר אויך, פֿאַרטריבן
צום מדבּרדיקן הייסן הפֿקר פֿון אַלע צייטן.
דערימעך ווערט די ליבע צום אייגן ווייב אומשטראַליק, —
פֿאַר איין קוש מיינעם דיך, בלייבט פֿאַר הגרן — זיבן.
חוץ דעם, וויינען גלאַט אַלע אומגעבראַכטע פֿאַרלאַנגען.

— ב —

הגר! הגר! קרבּן פֿונם וויסן פּאַטריאַרכס ליבע.
וויפֿל איך זאָל אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
צו דיר, פֿאַרשטויסענע, יאָ זינגען
וועל איך דיך ניט גענוג באַזינגען פֿאַרגיטיקט.
און וויפֿל איך זאָל דיך אויסמאָלן טראַגיש,
וועל איך קיינמאָל איענע הגר, דאָס דינסטמיידל,
די פֿאַרשווענגערטע פֿון איר האַרם געשטרויכלטער ליבע, —
ניט גענוג קענען באַמאָלן אין איר שיקזאַל.

הגר! הגר! דו באַצערטע איבער דער פּרוכט
פון ממראַס ערשטער ליבע־דערוואַכונג;
דו אַליינאיינציקע צו פאַרהיטן ישמעאלן פון בלאָנדזשעניש
אינם זאַמדיקן מויל פונם גלוטיקן מדבר.

— ג —

און דער מדבר האָט געשרפעט מיט זונזאַמדיקע פלוינען;
און ישמעאל האָט געלעכצט פון גרוים טריקעניש אין זיין גומען;
און הגר האָט אַ סך מאָל געוויינט אין איר אַליינקייט אַזוי,
אַז דער מדבר האָט אויפגעוואַכט פאַרחידושט
פונם פלוצלינג וואַרעמדיקן רעגן —
כאָטש ס'איז ניט געווען נאָך, דענסטמאָל,
דער זמן פון רעגן.

נאָר דאָס גערעכטע הארץ פון אברהמן,
וואָס האָט אויפגענאַשט די יונגפרויאישקייט הגרס,
איז וויט געווען אָפּגעטאָן פון דער הארנטעם דינסט;
ס'איז אַנטרונען אַצינד פון דינסטמיידלשער ליבע.
הגר וויסט ניט, דעריבער חלומט זיך איר גאָר די פּראַכט
אין דער קאַלטער מדברדיק־אויסגעשטערנטער נאַכט:
גאָט פון אברהם וועט דאָס געדעכעניש,
וואָס קומט פון איר הארם דיך אַרויס, דערהייבן —
צו אַ גרוים פאָלק מאַכן; צו אַ מעכטיק פאָלק.
און דאָס דינסטמיידל פון ממרא און באר שבע
איז געווען ערלעך אין איר ליבע צום וויסן פאַטריאַרך.

— ד —

און גערעכט איז געווען ניט אברהם,
און אויך אודאי ניט שׂרה קיין גערעכטע,
און אויך ניט הגר אפילו; נייערט, ישמעאל —
וואָס פאַר אַ צדיק איז עס זיין טאַטע אברהם?

יאָ, און דו, מיין ווייב, ביסט אַ גערעכטע.
נאָר הייבט זיך אָן אַ מעשה פון פאַרשיידענע צייטן.
צי איז גאָר די אומגעלאַסענע מאַנספּילשע ליבע אַ גערעכטע?
צי דער חלום?
דער חלום,
וואָס איז לענגער פון דער נאַכט . . .

מענטש — רויג פון ים

מענטש — רויג פון ים

(פירמאַטיוו)

איך גיי יעדן פרימאָרגן לעם ברעג פון ים
מיין אוצר, מיין מזל אָקעגן;
איך ווייס איך וועל מיין אוצר, מסתם
אין ערגיץ שוין ניט געפינען,
מיין מזל קיינמאָל שוין ניט טרעפן, —
דאָך גיי איך יעדן פרימאָרגן — אַ פלאַם,
מיין אוצר, מיין מזל אָקעגן;
מיין בענקשאַפט, מיין אומעט —
פעטליעס, ענגע, אָנגעצויגן —
מיין טרויער צו שטילן עס טרייבט מיך
מיין אינערלעך שטורעם, צעפליקטער,
וואָס געטריבן האָט דורות און דורות
פילמאָליק און אָלמאָליק פאַר מיר, —
דורות און דורות פאַרפלויגן;
און דורות, און דורות, און דורות נאָך מיר,
וועט אויך אָט דער אומעט טרייבן,
טרייבן ווי שטראָמען — איינציקע רויגן.

דער ים רעדט . . .

דער ים רעדט איין אייביקע פילאָזאָפיע
פון ברעג צו ברעג און פון טיפער מיט:
ש־ש־שאַ בא ש־ש־שאַ! טלאך־ד־ד־אַ טלאך־ד! ש־ש־שאַ שאַ! טלאך־ד־ד־אַ!
ווער קאַן מיט אַ פינגער אָפּטיילן אַ קרישקעלע פון גראַניט
ווי מע מאַכט מיטן פינגער אין וואַסער אַ שניט?
פונדעסטוועגן קאַן קיינער ניט אונטערטעניקמאַכן דעם ים.
איך. איך. שרייט דער שטורעם, שרייט דער דונער און דער בליץ.
איך. איך. שרייען קולות צום מענטש; איך — מענטש. שריי:
דער ים לערנט אונדז די חכמה פון דער גרעסטער מאַכט.
ש־ש־שאַ בא ש־ש־שאַ! טלאך־ד־ד־אַ טלאך־ד! ש־ש־שאַ שאַ! טלאך־ד־ד־אַ!

בערג ראַמט דער מענטש אָפּ, וועלדער,
וויסטענישן ענדערט ער און זיי אַלע שווייגן,
ווי די געהאָרכזאַמקייט פון אַ ווערבע.
דער ים שרייט און שפּייט און שוימט און רוימט
מיט מילי־בילי־טרילי־אָנען שפּריציק־פּלייציקע טראָפּנס
צום מענטשן אין פּנים אַריין; אַ טראָפּעלע וואַסער־אייביקייט;
איך בין פון גאַלע טראָפּנס וואַסער־אייביקייט:
וואַסער־טראָפּנס, וואַסער־טראָפּנס, וואַסער־טראָפּנס.
זעט: זיי שלאָגן דעם ברעג מיט די זאַמדן;
די בערג, דעם ווינט, די לופט, די לבנה און שטערן:
ש־ש־שאַ בא ש־ש־שאַ! טלאך־ד־ד־אַ טלאך־ד! ש־ש־שאַ שאַ! טלאך־ד־ד־אַ!

אַליין, אַליין, אַליין, שוימט און רוימט דער ים:
אַליין געמאַכט מיינע סקאַלעדיקע גאַרטלען,
אַליין אויסגעשניצט מיט מיינע וואַסער־מעסערן די אינדזלען.
די ברעגן זיינען פול מיט מיין באַזיגטן שונא: זאַמדן! זאַמדן!

ווער קאָן מיך איבערבויען און צעטיילן מיין יםקייט מיט טראָפּנס ?
ווער קאָן מיך אַוועקנעמען צי אָפּשיידן פון מיינע בירגער :
וואַסער־טראָפּנס ?
אָ, איר ערד־פּלוינען און רוימען, זאָגט מיר,
ווער קאָן איבערטראָגן אַ ים ?
זיינע האָרבן פאַרגלעטן ? זיינע סטאָסן פאַרפלאַכן ?
צי זיין האַרץ אים אויסהוילן ?
צי זיין אָטעמדיק בוזעם פאַרהאַמעווען ?
אָ, רעד, מענטש ! שריי : איך ! איך ! מיינע שיפן ! מיין דינאַמיט !
דינאַמיט ! דינאַמיט ! אָ־האָ ! דינאַמיט ! דינאַמיט שרייט און פילדערט:
דונערט מיט וואָלקנדיקע דונערן, מיט וואולקאַנישע געשרייען :
עקספּלאָזיע ! עקספּלאָזיע ! עקספּלאָזיע !
ער וועט, ער קאָן, ער טוט מיטן ים שפּיליוודיקייטן !
ער מאַכט אים אויסצודרייען און ברעכן מיט געשרייען :
עקספּלאָזיע ! עקספּלאָזיע ! עקספּלאָזיע !

יאָ, יאָ ! איך הער דיר. יאָ, יאָ !
עכאָט אָפּ דער ים אַן עכאָדיק יאָ־יאָ !
דינאַמיט ! דינאַמיט! דינאַמיט־שפּילעכצן !
קינדער שפּילן זיך אויף מיין דיך !
שפּילערייען — עקספּלאָזיע !
טויזנט טונען שלינג איך איין אין זיך
מיט די דונערן פונעם פאַרשטיקטן, פליסיקן פלאַם ;
און די בליצלאָזע שרפות צעקראַכן
און עס לאַכן, לאַכן, לאַכן
מיינע בירגער, די וואַסער־טראָפּנס אין מיין אינגעווייד ;
זיי שיסן אַרויף מיט טריליאָנען גלאָזאַרטיקע בלעזלעך שפּריי,
דאָס געשריי פון שריי ! שריי !

מיין צעטראַסקעט וואַסער־בויך
שליידערט קאָלאָסן וואַסערבערג אין דער הויך, —
צעווינטיקטע וואָלקנס צעווירבלען זיך אין ווויסטעניי
און ווי פּוכיקע פעדערן צעפליט זיך דער גאַנצער אַרום
אין טראָפּנס, טראָפּנס, פליענדיקע טראָפּנס!
נאָר אויגנבליקשיק קומען זיי אויפסניי, פון דער פרעמדער הויך,
צוריק אַהיים! אַהיים! אַהיים!
איין טראָפּעלע פּונקט ווי אַלע וואַסער־כוואַליעס
לויפט ראַשיק צוריק צום ים, אַזוי אַלע, שאַלן,
פאַלן מיט געפּילדער צו צו זייער מאַמע־ים,
צו זייער אייגענער היים,
און לייגן זיך אוים מיט זשעדנעם־זודיקן שווים
אין כוואַליעדיקער שוים,
און הילכן אָפּ, און וואויען און שרייען, און באַנייען
איינגעגעוּרעט מיט אייגנליבע מאַמע־ים־בויך,
אויף מיין פּנים — די וואַסערבערגיקע ווידטעניימן;
און די פּיענע, די פלוידערקע, שרייט שרייבנדיק דעם באַפעל:
שפּילעכצן! שפּילעכצן! דינאַמיט־שפּילעכצן!
די פּיענע רעדט און שרייט שרייבנדיק דעם באַפעל
פון בראשית און תמיד צו זאַמדן און בלאַנקיטנע רוימען:
ש־ש־שאָ בא ש־ש־שאָ! טלאך־ד־ד־אָ טלאך־ד! ש־ש־שאָ שאָ! טלאך־ד־ד־אָ!
ריטם וואָס גראָבט און האַקט און פּיילט און זעגט
אייביקע ימיקע אומפּוילקייטן — פאַר זיך־זיכערקייטן.

אַליין, אַליין, אַליין רוימט און צוימט און שוימט דער ים.
איך בויע מיט מיין גבורה!
בויע מיט מיין אימפּעט, מיט מיין הויב־און־וואָרף!
בין איך דען שלאַבעריק? צי פויל? צי שטאַביל?
צי זעך אָפּ פּסולות מיט קאָמפּליאַזשן?
עס רעדן מיינע מייליקע פליאַזשן
פון מיין אומּמידלעכן מאַנטאַזש:
מאָביל און שפּיל,
ימיק־פּיל
פון נאָענט און פון ווייטן.

צו מיר איז פרעמד דאָס געפיל סאַבאָטאַזש;
איך בין דאָס סופּלאָזע ליד,
דאָס קענגשפּרונג פון מיד.
איך בין ריטם וואָס גראָבט און האַקט און פיילט און זעגט:
צעשטורעמט, צעפּלינדערט, צעכּליסנעט שאַף איך
אַזוינס, באַגלייך מיט אייביקייטס-צייטן,
אַט אַזוי זאָל אויך, מענטש, שאַפן
מיט פרייד צעשאַלט ווי אַ קלאַרנעט,
אַט אַזוי דאַרף זיך בויגן און הויבן, און נויגן,
צעוויגן — געשטיגן אין זיגן — דער מענטשישער באַלעט.

יאָ, יאָ! איך הער דיר, מענטש!
יאָ, יאָ! איך הער דיר, דינאַמיט!
שטרענג זיך אָן, שטרענג זיך אָן!
הויב אויף אַ טראָפּעלע, מיין טראָפּעלע ים.
הויב אויף צען, צוואַנציק טראָפּעלעך,
צעבערפּולע צעבערס מיט מיליאָסן טראָפּנס יסקייט —
צעשנייד מיר מיט אַ פינגער מיין הויט,
ציקל אוים אוזאָרן — שרייב, שרייב אויף מיינע זאַמדן,
אויף מיינע סקאַלעס, אויף מיינע וואַסער-פּלוינען;
זיי קאָנען אַלץ פאַרנעמען געדולדיק;
וואָרום וואָרהאַפטיק זיינען זיי:

אַזוי גיך ווי דיין פינגער טוט זיך אָפּ פון מיר
איז צוריק אוים מיט דיינע חכמהדיקע געשריפטן,
איז גלייך ווי גאָרנישט געשען מיט מיין לייב —
אַ קליינער אינטערוואַל;
אמתער, עכטער פאַל.
דו ביסט ליגן; איך — אמת:
שטאָמיקער אומשטאָמיקער שטאָם.
בלויז אינטערוואַל;
אמתער מיליאָניקער ביליאָנשאַל:

דו ביסט, דו ביסט, נאָר אַנדערש אַלעמאָל, —
ביסט מער ניט קיין רויג;
אַ וואַסערדיק שפּריי,
אַ ניט־שטויג און ניט־פלויג,
אַ זאַמדיקער זיי,
ביסט אַ זאַך
ענלעך צו מאָרך, —
אַ פליסיקער פלייש,
אַ פלייסיקער פלום;
אַ טשערעפּאַך;
אַ פלאַמיקער גום
ווי אַן עמוד־אש.
דו ביסט, דו ביסט אַן אַנגעפּילטקייט
מיט אַלץ און מיט וועלטזאַמען
וואָס בייט זיך און ענדערט זיך און וואַקסט.
איך בין אַלעמאָל דער מאָל־מאָל־אַלץ — אַמאַליק־אימערמאָל.
איך זע פאַר זיך דעם בראשית און תמיד
ווי איך זע דיין ערשטגעוואָרנקייט
ביז דיין פילשפּראַכיק וואָרטאָל.
בלויז אינטערוואַל.
אמתער, עכטער הויב־פאַל־קנאַל.

איך אַנטלויף מיט דיר צו אַ פּונקט
וואו געשען איז דער באַפעל: ווער.
צו אַ ברעג פון אַ ספער
פון טראַכט און קלער.
קריכסט ווי אַ שרץ מיט לאַפּקעלעך,
און צו פינף פינגערלעך אויף אַ לאַפּקע,
און זיי זיינען מיט שפּילקע־נעגעלעך;
מיט . . . אַ, גלויב און נישטגלויב —

איך זע און ווייס און הער
נאָר איך טו מיר מיינס,
איך שלייף די ערד,
איך שער דיין באַגער;
איך פייל דעם פעלז
און צעשיט אים אין זאַמד —
איך שלייף און טעסע חכמה פאַר דיר
און פורעם די וועלט אויף מאָל־מאָל־מאָליק אימערמאָל.
איך שווער און באַשווער
אַז איך מאַך בלויז מיט מער האַפּט
פאַרטיק די רויג פאַר מענטש־געבער.
איך פייל און פייל די ווייזהייט־מענטש, —
איך פּרוביר אוים זיין פאַרבאָרגענע מאַרכקראַפט.

אָ, ווידער און ווידער, און ווידער:
הער איך דעם ים־ריטם
וואָס גראָבט און פיילט און האַקט און זעגט
די אייביקע ימיקע אומפּוילקייטן פאַר זיך — זיך־זיכערקייטן.
ש־ש־שאָ בא ש־ש־שאָ! טלאך־ד־ד־אָ טלאך־ד! ש־ש־שאָ שאָ! טלאך־ד־ד־אָ!

איך גיי באַם ברעג פון ים און טראַכט:
וואָס האָט דער ים זיך היינט אַזוי צערעדט?
וואָס שפּרינגט ער מיט די כוואַליעס גלייך אויף מיר?
אָ, ים, דו, ים; צי קאָנסטו ניט פאַרטראָגן אַ ייִדישן פּאָעט?

נאָר דער ים בּענקט. דער ים, דער ים דענקט.
ער גיט אַ וואָרף אין פּנים מיר אַ כוואַליע — זיין געדאַנק:
דו ניט שטויג און ניט פלויג,
דו רויג, רויג, רויג.
דו זשאַבּקע-לאַפּקע-שמאַטקע — מענטש.
פליִיצנדיק, פליסיקער פלאָם.
איך לערן דיר, כאַם,
אייבּיקייטס-ריטם פון מאָל-מאָל-מאָליק אימערמאָל.
עכטער, אמתער אינטערוואַל.
מיליאָניקער צעפּראַל.
תמידיקער הויבּ און פאַל,
שטענדיקער טראַכט און קלער —
ים רעדט. איך הער; איך הער;
ס'איז דער ריטם פון מיין אייבּיקזאַם געבּער.

אינטערוואַל.

דו בּיסט שוין מיט הענט.
הענט, הענט, הענט.
אָ, וואונדערלעך אינסטרומענט —
אַ לאַפּע ווערט אַ האַנט; אַ האַנט. אַ האַנט.
ווען זי גרייפט אָן די בּיקס, דאָס געווער? —
אַ לאַפּע! לאַפּע! לאַפּע!

אָ, ים, רעד! רעד! איך הער:
ס׳איז דער ריטם פון מיין אייביקזאַמדיקן געבער.

אינטערוואַל.

דעם מענטשנס האַנט — אַ לאַפּע.

אָ, זוניקער זינען באַזין זיך, —
דאָס גאַנצע שפּיל פון שאַפן ווערט זינלאָז — אַ בלינדע שקאַפּע!
שפּיל. שפּיל! בויע אַ היכל
צום משוגעת פון הענט וואָס זיינען קלוג
נאָר דינען צו אַ פלאַמיקן ווילדן שכל,
צו אַ פייערדיקן ווילדן מענטש — די שאַרפסטע שווערד.
דו, אייביקער פליסיקער, פיסיקער פלאַם!
ווער איז מענטש? ווער איז ים?
וואָס איז שכל?
וואָס איז ער און זי און זיי און איך און ערד?
אָ, לערן זיך פונם שטורעמדיקן ים, מענטש;
גיך, גיך, דו געץ — פייער־און־שווערד־פרייך!
לערן זיך פונם ים צו געהאָרכן דאָס געזעץ,
געזעץ פון אייביקן תמיד, פון מאָל־מאָל־אימערמאָל —
פון שטענדיקן יסיקן גראָבן, און פיילן און זעגן און שטויסן;
דאָס געזעץ — פאַר אַלע טראָפּן גלייך.

פליסיקער, פיסיקער ים

פליסיקער, פיסיקער פלאַם

אָט דאָס איז עס — פליסיקער, פיסיקער פלאַם:
וועלט־גייסט, גאָט, באַשעפער, אָמניפּאָטענץ;
האָסט עס אַלעמען איינגעטיילט
דער אינזעקט האָט עס, דער פיש,
די חיה און דער מענטש;
האָסט עס יעדן אָנגעהאַנגען איינציקצילוויליק
און עס ציט אונדז אַלע צו דער ערד אַראָפּ־צו, —
וואָס זאָל מען טאָן דערמיט מיטלדיק?
ס׳איז אַלעמאָל, אַלעמען, אימערמאָל אין וועג.

וועלטגייסט, גאָט, באַשעפער, אָמניפּאָטענץ, —
קום, כ׳וועל מיט דיר אַריינגן
אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן.
זע וויפל צער פליסט פלאַמיק
אין די חיהשע בענקענדיקע אויגן.
זיי קוקן אינעם מענטשנס אויג אַריין
ווי אין אַ קלאָרן שפּיגל —
דורך אונדז זעען זיי זיך שטייגפריי;
נאָר דאָס איז אַ טפל,
מ י ר זיינען ז י י, כאָטש זיי (אין וועלט־מעשים)
זיינען ניט מיר; אויסער אינעם טראַכטן אַ טראַכטונג
(וואָס דאָס איז איינס און דאָסזעלבע)
זיינען זיי ווי מיר אַלע: געהירנדיק געשטימט.
אָט דאָס איז עס.
Deus, Optimus, Maximus!
האָסט אונדז אַלעמען איינגעטיילט
דעם פליסיקן פלאַם.

וועלטגייסט, גאָט, באַשעפער, אָמניפּאָטענץ.
פאַרחוזק ניט מיין פילאָזאָפישע געשטימטקייט,
מיר זיינען דאָך אינטים, היימיש,
ווי נאָר אַ פּאָעט קאָן זיך עס דערלויבן —
אָפנהאַרציק, פראַנק־און־פריי און איבערגעגעבן,
בּושהלאָז ווי מאַן און ווייב,
אַזוינע וואָס האָבן זיך נאָך ליב
אין זייער סאַמער נאַקעטסטער נאַענטקייט —
אין זייער לייב־תהומקיער אינטימקייט
פון וועלט־טעם מיט פליסיקן פלאַם.

אָ, הער, דו וועלטוועלטיקער ווילן,
איך האָב אַ פראַגע דיר אַ פרעגטאָן;
נאָר ניין, ניט דאָ, אינעם זאָאָלאָגישן גאָרטן,
אין דער היים, הינטער מיין באַלקן;
מיר וועלן ביידע אַראָפּנידערן
אַפן ווייכן, קאָלירטן דיוואַן;
אינטים, מאַנווייבמעסיק — איין שפאַן.
מיר זיינען דאָך אַזוי מיד . . .
די לאַנגאָנענדיקע מאָנונג איז אַזוי פאַרוואָגלט —
אָ, וועלטגייסט, גאָט, באַשעפער, אָמניפּאָטענץ;
לאָמיר זיך ביידע אַוועקלייגן אַפן ביזאיצטיקן בעט.
מיר קאָנען דאָך אַזוי ליגן אייביק צוזאַמען, —
ביזן מיליאָנענדיקן פרימאָרגן אַריין,
ביז דעם האַלבן לעולם ועד־טאָג.

און מיט אַלע פּילקייטן פון לעבן איז דער זאָאָלאָגישער גאָרטן;
און מיט נאָכמערער פּאָרן ווי אין נח׳ס תבה.
דאָס האָט די מענטשלעכע האַנט איינגעזאַמלט
צום אויפהיטן, גלאַט צום אויפהיטן;
און אפשר זיך צו באַקענען גרינטלעך
מיטן באַשאַף וואָס טראָגט אין זיך
דעם גרויסן פּלאַם פון פּליסיקן לעבן?
און סע זאָל בלייבן אָפּגעהיט
פון אַ פלוצלינגדיקן מבול;
ווייל מענטש האַלט זיך אין ריכטן, ווייזט אויס,
אַז קומען וועט נאָך קומען איין מבול אַ לעצטער;
ווייל סע דאַרף אַלעמאָל זיין אַן אַלערלעצטער.

און גאָט און איך און אַ סך מענטשן
זיינען געגאַנגען פון שטייג צו שטייג,
הינטער אַ שרפה פון אַלערליי קלאַנגען,
און געזען די טואונגען פון די חיות
און געלאַכט, און געוואונדערט זיך מיט גרויס צער.

און די חיות זיינען אָפּגעהיט,
מיט אַלעם גוטן אָפּגעהיט,
ווי צדיקים אין גן־עדן אָפּגעהיט,
עס פעלט זיי גאָרנישט־ניט
און דאָך וואָרטשעט זייער שטאַרק אין זייער אינגעווייד
דאָס רייסן זיך צו אַנדערע וועלטן.
און צער פּליסט פלאַמיק פון זייערע בענקעוודיקע אויגן.
איך האָב געזען אַ סך אומבאַפרייטע פעלקער
און ס׳איז מיר אייגנגעוואָרן זייער שטומער צער,
נאָר דער צער פון חיות אין שטייגן איז שטומער —
אַז ווי איז צום אָדלער דעם אומבאַפרייטן
וואָס קאָן זיינע פליגל ניט אויסשטרעקן.

אַז ווײַ איז צום לייב ווען זײַן ברילן איז פּאַרטישקעוועט
אין די פיר ווענט פון זײַן געמויערטן קעסל.
און ווײַ איז דעם לעמפּערט אין שפּרונג דעם געצאַמטן,
און דעם טיגער אין זײַן קעצישער קיניגרייך,
און דעם העלפאַנט, דער שטייער אויף קלעצער,
וואָס וויגט זײַן קאָפּ עקשנותדיק ווי אַ ייִד
און צעטרייסלט די אומרו פון דער וועלט.

דער מיושבדיקער העלפאַנט איז מפסיק פון זײַן שטילקייט
און צעשרייבט זיך אין דער לופטן
מיט זײַן פאַנטאַנפּעננאַז
פּאַנפּעוואַטע בריוולעך צו גאָט:
ניין ——— ניין.
ניין ——— ניין.
ער איז ניט מסכים מיט ביידע יסודות —
ניט מיט דער וועלטס גרויסאַרטיקן טעם
און ניט מיט מענטשס פּליסיקן פּלאַם.
ער לאַכט אין אונדזער פּנים אַרײַן בודאַאיסטישע חכמה
מיט זײַנע מאַנדלדיקע אויגנברונעמלעך:
פאַר קלעאָפּאַטראַן בין איך אַ רייזנדיקע שטול געווען —
אַ, די קלעאָ איז געווען קלוג, שטאַרק, ווילד
און אויסגעלאַסן ווי די איינציקע אין איר שײנזאַמקייט.
דער שטויב טראָגט שוין אפילו ניט איר זכר
אינעם אַפריקאַנישן מדבר־בוש און זאַמדפּלייצן.
נאָר דאָס בין איך געווען: אַ רייזנדיקע שטול;
און איצט, אין צירק — אַ קאָמעדיאַנט.
אַזאַ בין איך איבער דער גאָרער וועלט באַקאַנט.

און דער קלאָטשעוואַטער, בורשטינענער קעמל שרייט
צו די בלאַנקיטנע רוימען זײַן שטילקייט־שווײַגעניש:
ווען ניט מײַן געטאָפּלטער הויקער
וואָלט איך געווען קיניג פון די שטרויסן.

איך שטאַם פֿונם בראשיתדיקן געגנט
און האָב געדינט באַם עלטסטן ערשטלינג פֿון די פֿעלקער.
סולטאַנען האָב איך געפֿירט צו נצחונות און פֿאַרגעסנקייט.
איך שפּרייז איבער די רואינען פֿון מלכים און געטער.
אָף מיין רוקן צאַפּלט נאָך די געווירצטע וואַרעמקייט
פֿון דער מוטער רחלס נוסקאָליריק פֿרויענלייב.
מיינע הויקערס טראָגן די פּליאַמעס אָף זיך
פֿון לבן הארמיתעס באַפֿלעקטן אָפּגאָט —
איך בין געבאָרן אויף צוטראָגן אייביקייט־שווייגן
פֿונם אָריענטאַלישן סודותדיקן חלום.
אָט, גלעט נאָר מיין רוקן און איר ווישט מדבר־שטויב
פֿון אברהם, יצחק און יעקבס געצעלטן.
איך בין אַלט באַגלייך מיטן שטאַם ישראל
און ווי ער, קוק איך מיט מיינע אויגן געריכטעט
צו דער ווייטקייט פֿון די ביבלישע, וואַרעמע צייטן.

אָ, וועלטגייסט, גאָט, באַשעפֿער, אָמניפּאָטענץ,
וועט טאַקע זיין אַזאַ נס ווי משיח?
אמתדיק טראַכטן קאָן נאָר אַ קעמל,
דער למד־וואָווניק פֿון די חיות.

און די אבות, די מאַלפּעלעך, אונדזערס גלייכן,
זיצן איינגעוויקלט אין שווערע ליידנשאַפֿט־שאַלן
און ציען דעם שטאַם מיטן ציטערדיקן וועלט־טעם
און עס פֿלייצט דער פּליסיקער פּלאַם
אין אַלע אונזערע אָדערן — גאָטס אויך;
און עס רוישט באַ אים, באַ מיר און אַ סך מענטשן
אַלץ אונטערן לייב און עס טאַנצן די אַקסלען פֿון געלעכטער
הינטער אַ שׂרפֿה פֿון אַלערליי קלאַנגען, —
האָסט עס אַלעמען איינגעטיילט
באַגלייכוויליק, איינשטייגערדיק . . .
מיר גאַפֿן און וואונדערן זיך מיט גרוים טרויער.
און גאָט, וואָס איז מיט אונדז, גייט נאָך
פֿון שטייג צו שטייג און איז אויך אַזוי פֿאַרגאַפֿט, טרויערדיק.

מיט אַ פּנים פון אַ מקובל, אַ באַוואַקסענעם,
קוקט אוים דער אָראַנגאוטאַנג, צדקותדיק און פרומעריש;
ער דעקט זיך צו דעם נאַקן מיט אַ זאַק,
לייגט אים אַף די אַקסלען ווי אַ טלית
און שאָקלט זיך ווי אין תפילהטאָן.
ער פאַרטראַכט זיך אין אַ ווייטן קוק אַריבער אַלעמען,
שטעקט זיך אַ שטרויעלע אַריין צווישן די ציין
און בלייבט אַ פאַרטייעטער צדיק,
וואָס וואַרט יעדע רגע אַף ביאת המשיח.
ער וואַכט-אויף. גיט זיך אַ דריי
און זיין האַנט פאַלט צו צום שטאַם;
ער הויבט אָן ציטערן באַם אייגענעם גלעט —
מתיקותדיק צעגיסט זיך זיין גאַנץ פּנים,
זיין גאַנצע פעל ווערט נאָך מער קאָלירפלאַמיקער
און אין זיין גאַנץ וועזן צעפליסט זיך דער פלאַם
מיטן אַלעמען באַקאַנטן, ציטערדיקן וועלט-טעם.
ער צעלאַכט זיך פון גרוים תענוג אַפן ברייטן מויל
און אויף זיינע לעדערנע ליפן — אַ טייך גערונצלטע כוואַליעס.

ראַפּטאָם גיט ער אַ שפּרונג ווי צו אַן אַנדער וועלט,
צעלאַכט זיך, צעשפּרינגט זיך און טוש, פאַנאַנדערהוידען:
אַף אַ האַנט, אַף אַ פוס; דראַפּעט זיך ווי אַ שפּין
און בלייבט הענגען אַף דער וואַנט — אַ צוגענאַגלטער יעזוס.
אַברופּטום, באַץ, אַפן דיל און קוליע, קוליע, קוליעט זיך.

און גאָט און איך און אַ סך מענטשן
זיינען געגאַנגען פון שטייג צו שטייג
הינטער אַ שרפה פון אַלערליי קלאַנגען
און געזען די טואונגען פון די ברואים
און געלאַכט, און געוואונדערט זיך מיט גרוים טרויער.

און די שאַמפּאַנזע, ווידער, שטייט — אַ שוואַרצער שמשון,
בײדע הענט ווי צוויי זײלן רויך, האַלטן צו די גראַטעס;
אַ וויגנדיקער בוים שאָקלט זיך פֿון איין פֿוס אױף דער צווייטער;
די צערעפּעטע מויל מיט די לעדערדיקע ליפּן ווילן ר־ר־ר! ר־ר־ר!
נאָר סע פֿאַלן קלאַנגען פֿון דעם בּרוסטיקן בּאַרג גאָר,
צום טאַקט פֿון די הילצערדיקע פֿיס: ר־ר־ר! ר־ר־ר! ר־ר־ר!
ער צעטאַנצט זיך, צעטופּעט זיך און ניוכעט חנדלדיק צו אַ פֿרוי.
עס פֿאַלן פֿון אים אַראָפּ אַלע לײדנשאַפֿט־שטראָמען — ניאַגראַדיק,

און איין שטיק שפּיזיקייט ווערט זיין שטאָם
און עס שטעכט אַלעמען די אויגן דער פֿליסיקער פֿלאַם;
עס צעשטורעמען זיך אין אים אַלע זיגזאַגנדיקע זעגן
און ציען דאָס חיהשע חיות צו איין סימעטרישן אַהין:
דערגרייכן דער וועלטס וואַרעמסטן פּונקט — דערגרייכן!
ער גיט אַ פֿראַל אױפֿן דיל, צעהעטשקעט זיך אין קאָנוואולסן
און נעמט רייסן שטיקער פֿון זיין פֿעל,
שפּרינגט פֿון דיל אױף דער פּאָליצע ווי אַ צערייצטע כוואַליע
אַ צענדליק מאָל אַרויף־און־אַראָפּ אין איין ראַזמאַך.
בּלײבּט שטיין אין דער מיט און קלאַפּט זיך אין בּרוסט
וואָס עכאָט אָפּ ווי פֿון אַ פּאָס דער קול: ר־ר־הבּו־בּו! ריידן!
נאָר ריידן איז אים שווערער ווי אַלצדינג אין שטייג;
צעוויגט ער זיך הין־און־הער ווי אױף שטאָלצן אין אַ רקודל.
ער בּלאָזט מיט די ליפּן און ס׳קאָכט אין אים דער פֿליסיקער פֿלאַם,
און דער שטאָם ווי אַ שווידערלעכע שטעכיקע שפּיז
שטעכט די לופֿט און שטעכט נאָכמער — פֿרעמדלעכע אויגן;
די אויגן, פֿון גאָט, פֿון מיר און פֿון אַ סך מענטשן
וואָס זעען די טואונגען פֿון די בּרואים וואָס עס פֿעלט גאָרניט
און מיר לאַכן און וואונדערן זיך מיט גרוים טרויער.

און בּאַ די מאַלפּעס און די אַנדערע אַפֿן
איז דאָס געלעכטער דאָרט געווען אין לשער
און ווי פֿונם גרעסטן נאַר — דער צאַר:

באַ דער חיה, באַם מענטש און באַ גאָט —
די שותפותדיקע געוויקס, די איינציקציטערדיקע עקסטאַז
פונם וועלט-טעם מיט פליסיק פלאַם.

אַ באַבון זיצט און עגבערט די לופט מיט דער נאָז,
מיט אַמאָל גיט זיך אין אים אַ צאַפּל ווי אַ שטורעם,
איין האַנט קראַצט דעם קליינטשיקן מוח מיטן גערונצלטן שטערן
און די צווייטע — אַרויף-באַרג-צו — גראַבליעט דעם בויך;
ער שלאָגט זיך אָן אינעם שטאַם צופעליק, אָן אויפגעשיינט גליק,
און ער הויבט אים אָן קראַצן מיט גרוים כונה —
עס ווערט זיין זעלבסט-פּראָבלעם, זיין—זיין.
זיין . . .
Deus, Optimus, Maximus!

אַ קינד וואַרפט אים צו אַ פיסטאַשקע, ער גיט זיך אַ בויג
און זיין פּראָבלעם ווערט אויס, פאַרגעסט אין אים;
קנאַקט הנאהדיק דאָס ניסל, זוכט מיטן ניזל אין דער לופט,
און שטעלט אָן די לאַפּעדיקע האַנט אויף נאָך.
ווען ער קריגט ניט, זעצט ער זיך איינגענורעט אַוועק וואַרטנדיק.
קראַצט זיך פלינק, פלינקער, פון אָרט צו אָרט,
פאַרטשעפּעט זיך אינעם פּראָבלעם — דעם אייגנטלעכן שטאַם
און עס דערמאָנט אים תיכף אין נעמלעכן, אַלגינסטיקן וועלט-טעם.
זיין קערפּער פאַרציט זיך — אַ שאָטן הינטער ביימער;
רואיק, שטיל, גלאַט און מיט גלאַנץ אַף זיין פעל.
זיינע הענט פאַרען זיך זייער באַשעפטיקט,
ער קוקט אין אונדז ווי אין אַ שפּיגעלע
און קעמט זיך, קעמט זיך מיט אַ נעבעכדיק קעמעלע.
נאָר ווידער גיט אַ האַנט אַ וואָרף אַ ניסל,
דער באַבון גיט אַ שטופּ-אָפּ דאָס פּראָבלעם
און כאַפּט קנאַקן ס'ניסל; ער פאַרגעסט דעם אָנהייב
און איז זיך מתגבר איבערן זעלבסט-פּראָבלעם אַוויל —
איבער דעם אָנהענג וואָס ציט אים וועלט-אַראָפּ
באַ יעדן מינדסטן אָנריר, באַם קלעטערן אַרויף-אַראָפּ
און באַם קראַצן זיך וואָס איז חיותדיק זייער נייטיק.

הענט הייבּן אָן פּאַטשן צו אים, שטימען צערייצן אים,
געלעכטערס ציען אים ווי אַף דראָטן, —
ער כאַפּט אַריין די הענט צווישן די קניעס און צעשאָקלט זיך
ווי אַ בּעטלער איבּער אַ שיסעלע וואַרעם געקעכטס,
ער דריקט זיי צו און רייבּט זיי אין גרוים איילעניש —
עס גייט אים אין סאַמע לעבּן צו ענדיקן דעם בראשית.
דער עולם טיוקעט אַף אים און קייכט לאַכנדיק הויך;
ער צעטומלט זיך, שפּרינגט צעשראָקנדיק אויף ווי פאַרשטיקטער פלאַם
און אין אַ בּליצשפּרונג נעמט ער זיך צעהוידען,
קלעטערן אַף די גלייכע ווענט ווי אין צאָנווייטיק.
מיט אַמאָל, סטאָפּ: אַ שטאַנג האָט אָנגערירט זיין שטאַם,
עס דערמאָנט אים אינעם גאַנצן פּראָבּלעמיקן וועלט־טעם;
ער וויקלט זיך אַרום שטאַנג, בּייסט אים,
פאַרדרייט אַרום אים דעם עק און בּלייבּט מיטן קאָפּ אַראָפּ, —
קאַפּעלמייסטערט מיט די הענט ווי ער וואָלט דיריגירט אַן אָרקעסטער.

ער דערבּליקט אַ פרוי און גיט אַ שפּרונג אין איר ריכטונג,
נאָר ער בּלייבּט אַ צעטומלטער יעגער אָן פאַנג —
אומזיסט איז ער מיט אַן אָנגעצויגענער שפּיז,
וואָס זאָל ער טאָן מיט איר? ווי לייגט מען זי אַוועק
אַז זי זאָל ניט זיין, אים, אין זיין וועג אַרוים — פּראָבּלעמיק?
זי איז אים אַלע מאָל, אימערמאָל, מערערמאָל אין וועג.
אָ, וועלטוועלטיקער ווילן!

נאָר איינע, די שלאַנג, ליגט אין אַן אומלעבעדיקן שלאָף
איינגעדרייט אין אַ ווינקל שטייג — רינגען אָף וואַסער
פון אַ נאָרוואַס אַריינגעוואָרפענעם שטיין.
זי האָט שוין אַלצדניג אָפּגעטאָן צום לעבן,
דאָס קליגסטע וואָס איז פאַראיינס — נאַרישקייט.
און אַז דער חכם וועט קומען אַמאָל אַרויסנעמען „דעם שטיין"
וועט זי דאָן אויכעט פון איר שלאָף אויפשטיין.
און ווי איר שטייגער, נעמען זוכן אָדם וחוהן;
נאָר וואָרהאַפטיק, קיינמאָל זאָל זי זיי ניט דערקענען
אין די שיינע אָנגעטוענע קליידער —
אָ, קליידער, קליידער, קליידער.

און ס׳איז אַוועק דער טאָג;
און ס׳איז געוואָרן נאַכט;
און אַלע ווי פון איין זאָג,
האָבן זיך צוריקגעצויגן פאַרטראַכט.

אַ פויגל ווי אַ כהן אַ קראַנקער
האָט אויסגעדוכנט זיין ערבנאַכטיק געשריי.
יעדער האָט זיין פנים אין זיכטיקן וויי
קריקוועגס געגעבן טשיקאַווע אַ דריי
און דערזען ווי די שטילקייט — שוואַרצלייביק —
פאַרוויקלט אַלץ און אַלעמען ווי אין אַ שאַכט.

אומרירעוודיק האָבן מיר פאַרלאָזן דאָס זאָאָלאָגישע אָרט.
נאָר גאָט איז אַ מידער שוין פאַרבליבן דאָרט
אין אַ פייגלשער שטייג — אַריין מיט דער נאַכט.

מענטש — בלוט
און מילך

דער וואָס קומט אַהער אַריין
גייט מיט קיין רואיקן געדאַנק ניט אַרויס.

מענטש — בלוט און מילך

דער באַוואוסטזיין טאַנצט
ווי פיס אַף הייסע קוילן.
עמפינדלעכקייט מיט געדאַנק — סתירה.

ס׳איז ניט ווייטיק וואָס קלעמט־פאַרקלעמט,
און ניט טויט וואָס שרעקט;
אַ דערנידעריקטער עקל פאַרנישטיקט
דעם שטאָלץ — מענטש — שעמט־פאַרשעמט.

ס׳איז ניט די בלוטדורשטיקייט
און ניט די קאַלטע שחיטה —
רציחה פון געדאַנק
מאַכט עמפינדלעכקייט
צו זיין אַ סתירה
און שטאַנדהאַפטיקייט — געפאַלן.

פאַר צוויי פאָעטן און אַ מאַלער
איז אַלץ געווען קלאָר ווי רייד.
ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט שחיטה
ווי אַ גרויסע הימלשע וויזיע
וואָס איז איינציק אין איר באַשייד.

אַ פּאַסאַזש ווי אין אַ פּאַרצייטיקן טעמפּל,
לאַנג, הויך, שמאָל, טיף און פאָרכטיק.
אַלץ איז הייליקער ריטואַל.
הויב, בויג, נויג

דאָ הערשט בלויז דאָס אויג.
אַ אויג וואָס איז גרעסער פון גאָט;

ס'איז שרעקעדיקער פון אַלע זיינע טאַטן
אַף די ימען,
אַף די בערג,
אַף די אָפּגרונטן,
און אַף די וויסטעניישן.
דאָס אויג איז פול, פול,
פולער פון זיינע גאָבן;
מיטלייד,
מורא,
פאַרצווייפלקייט
און אומגלויבן
ווימלט אין דעם;
אינעם אויג פונם געשטאָכענעם חזיר,
אינעם אויג פונם געשחטענעם לעמל,
אינעם אויג פונם געקוילעטן אָקס —
אום, אום, אומגלויבן.

דער בלוטקערער — צעפרייכט,
דער שוחט — צערודערט,
דער צוזעער — צעדולט
און די לופט — אָנגעדעכעט מיט אָטעמס.

אָ, גאָט, וואו ביסטו?
ביסט דאָ? דאָ? דאָ?
איבעראַל ביסטו דאָ?
דו גאָרגללאָזער, דו.

פאַרוואָס האָסטו ניט באַשאַפן אַ האַלדז מיט אַ מעשענער טרובקע?
דו גאָרגללאָזער גאָט,
ווי קענסטו גאָר ציטערן איבער אַ גאָרגל?
ווי קען צו דיר טייער זיין אַ האַלדז?

אַז דו ביסט גאָרגללאַז,
דיר איז פרעמד גאָרגלגעפּאַר,
גאָרגלפּיין און גאָרגלשרעק —
פּאַרוואָס זע איך אין יעדער שחיטה אַ פּאָגראָם!

דיין הזיר האָסטו געגעבן אַ גאָרגל,
דיין לעמל — אַ גאָרגל,
דיין אָקס — אַ גאָרגל,
דיין שוחט — אַ גאָרגל,
דיין בלוטקערער — אַ גאָרגל,
אַלע, אַלע, אַלע האָבן גאָרגלען —
אָ, גאָרגלדיקע וועלט!
גאָרגללאָזער גאָט!

אַוואו ביסטו גאָט, גאָט,
איך רוף צו דיר.
אַוואו???

אין מיר????

זיצסט אין מיר
און זעסט דורך מיין אויג?
דו ביסט אינעם אָקס
און שטאַרסט דורך זיין אויג?
דו ביסט אינעם שוחט
און שרעקסט מיט זיין אויג?

אָ, געזאַנג און תפילה און געזעץ;
מאָראַל, תורה, קונסט און קולטור;
וואָס איז עס אַזוינס?
מענטש! מענטש! מענטש!
אַוואו ביסטו?
איך זוך דיך.

אוואו ביסטו?
גאָט, גאָט, איך זוך דיך.
מענטש, מענטש, מענטש.

אויב מע גיט זיך ניט איבער צו דיר, גאָט,
מיט לייבלעכן ציטער ווי דאָס געשחטענע לאָם,
דאָס געשטאָכענע חזיר און דער געקוילעטער אָקס
וואָס טרינקען זייער אייגן בלוטפלייץ
מיט ריטש, קוויטש און מעקע און כאָרכל;
טאָ וואָסזשע איז עס אַזוינס
געזעץ, תפילה, קולטור און גאָרגללאָזער גאָט?
און איך זוך דיך אַזוי לאַנג אַרום.

אָ, בעטהאָוון, לאָז הערן,
לאָז שרייען דיין מעכטיק געזאַנג;
קום, אייל זיך מיט דיין אָרקעסטראַלער שפּראַך;
אָ, בעטהאָוון, קום, געשווינד,
לאָז ניט פידלען דעם שוחטס חלף
אַ־צו־לאַנגע סאָלאָ אָף די אָנגעצויגענע העלדזער —
שפּיל, בעטהאָוון, שפּיל ראַשיק!
שפּיל ראַשיקער! שפּיל שפּיליקער!
שפּיליקער! ראַשיקער! שפּיל!
שפּיל מיט דיין געזאַנג!
זאָל אַלץ אונטערגיין אינעם מבול פון דיינע טענער.

אָ, ווער בין איך?
וואָס בין איך?
וואו בין איך?
ווער איז מיט מיר?
ווער ס'איז אין מיר
ווייס איך:

אין מיר — דער חזיר,
דער לאָם,
דער אָקס,
דער שוחט
און גאָט, —
זיי רעדן דורך מיר.

חזיר:
אַלע שמוצן פֿון דער ערד
וואוינען אין מיר,
נאָר דער שמוץ פֿון טויט
נאָכניט.
כ׳וויל ניט געשטאָכ־כ־כ ———כ־כ־כלופּ!
בּ־בּ־בּלוט־כ־כלופּ־פּ־פּלוכ־כ־כ־פּלוך.
דער הזירשטעכער גיט דאָס מעסער אַ דריי
ווי אַן ׳עכטער קאַטאַרינטשיק.
אָ, שפּיל, שפּיל קאַטאַרינקע,
דו, פּלאָם פֿון לעבן — קאַטאַרינקע!

מיט די קורצע פּיסלעך זוכט ער אָנהאַלט
ווי אַ מענטש אין דער פֿינצטער, אַ בּלינדער,
ער זוכט דעם בּאַלעבּאָס פֿון דער וועלט,
דעם טאַטן, דעם בּאַשעפֿער פֿון לעבן, זוכט ער;
ער רירט אָן דעם גאָרגללאָזן גאָט
וואָס איז ניט מער ווי לופֿט —
לופֿט אויסגעאָטעמט פֿון הייסע חזירישע גאָרגלען.
ער רירט אים אָן
נאָר ער פֿילט אים ניט,
ס׳איז נישט קיין אָנהאַלט.

אָ, אַרכימעד, גרויסער אַרכימעד,
וואו געפינט מען אַן אָנלען?
די פּיס שוועבן אין רוים,
זיי פּאַטשן אוים צייט:
אַרויף און אַראָפּ,
זיי צענעמען זיך קיין
מיז־
ראַך, קיין
מאַ־
רעוו, קיין
צאָ־
פן, קיין
דאַ־
רעם,
ף
י
ו
ר
אַ
און
אַ
ר
אָ
פּ
צו.

דאָס לעבן גיט דעם לעצטן פּלי אַרויס
און בלייבט הענגען ווי אַ פֿאַרגליווערטער קוש
אַף די כשרע קלאָען — אַ לאַנגער
פֿאַרטאַיעטער ציטער: אַדוישעם!
דו, געהייליקטער חזיר, וויפֿיל טריפֿענע ייִדן
וועלן עסן דיין כשרן העם?!

העי, טו זיך אָפּ פֿון מיר,
געדאַנק פֿון הומאָר;
בלייב מיט מיר דו בלוטיקער פּרייטיק,
מאַכסט מיך מענטשלעכער
ווי פּאָגראָמען — יידישער.

אָ, ווער האָט געגעבן דעם לעמל
אַזאַ תמימותדיק פּנים?
אין יעדער לעמל זע איך אַ יעזוס.
ווער האָט געגעבן דעם לעמל
אַזאַ תמימותדיק פּנים?

ישעיהו, ווען וועט דיין ייִנגעלע
מיטן ריטל פֿון פֿרידן קומען?
און ווען וועט דער לייב און דער לאם
און דער אָקס גיין צוזאַמען?
און דאָס רעטעניש: אַלע שווערדן
זאָלן איבערגעשמאָלצן ווערן אַף אַקערס
ווען וועט מקוים ווערן?

אָ, בעטהאָוון, לאָז הערן,
לאָז שרייען דיין מעכטיק געזאַנג;
קום, אייל זיך,
לאָז ניט שפּילן דעם שוחט קיין סאָלאָ
אַפֿן האַלדז פֿונם תמימותדיקן לעמל.

שפּיל! שריי מיט דיין אָרקעסטראַלער שפּראַך;
ראַשיקער! שפּיליקער! בעטהאָוונדיקער!
זאָל אַף אונדז מבולען דיין געזאַנג.

דעם לעמל איז היים,
עס שטיקט דעם די פּילאויסגעאָטעמטע אָטעמס;
אַ ווייסע קילע האַנט האָט מיטלייד
און טוט אוים דעם לעמל דאָס שווערע פּעלצל . . .
עס בלייבט יעזוסנאַקעט, פאַרקרימט
און צעקרייציקט —
נישטאָ מער וואָס צו געבן;
ס׳רעדט מיט נאַקעטלייביקער שפּראַך;
די בלוטיקע שפּראַך — די אוניווערסאַלע.
וואָס איז רויט ווי די פאָן, די אינטערנאַציאָנאַלע
און די פאָן — רויט פון אינטערנאַציאָנאַלן בלוט.
ווער האָט געגעבן דעם לעמל
אַזאַ תמימותדיק פּנים?

אָ, הייליק הויז,
פּליוכעדיק בלוט,
אומפאַרלעשבאַר פייער;
דו רעדסט מיט חיהשער שפּראַך
וואָס מענטש און טיר פאַרשטייען קלאָר,
איינציק, שאַרף, מוראַדיק און פאָרכטיק.

איז עס מעגלעך אַז גאָט,
דער איינאונאיינציקער גאָט,
זאָל ניט פאַרשטיין,
די דאָזיקע שפּראַך ניט דערהערן?

אָ, בלוטיקע שפּראַך, שפּראַ־כ־כיק־דיק־בלוט!
די איינציקע וואָס איז צו אים נאָענט.
די איינציקע אין זיין גרויסקייט,
די איינציקע אין זיין מוראדיקייט,
די איינציקע אין זיין פּאַרכטיקייט,
די איינציקע פאַר וועלכער אַלע
בלייבן געפּלעפט, אַפּהענטיק, דערשיטערט,
צעשרויפט, אויגנאויסגעראַטשעט
מיט שרעק ווי פאַר אַ מעכטיק פייער
וואָס ברענט און פאַרלענדט
דעם מענטשנס גאוה
וואָס ווערט אין נישטיקייט דערקענט —
בלוט איז דאָס הייליקסטע פייער!
וואַרף אַראָפּ דיינע שיך,
גיך, מענטש, גיך;
וואַרף אַראָפּ דיינע שיך;
שטייסט פאַרן פייער וואָס ווערט
קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן —
עס ברענט און ברענט און ווערט ניט פאַרברענט!
מענטש, נאָך איין וויַיל און וועסט
ווי משה דערזען דעם סנה;
נאָך איין וויַיל, מענטש, און גאָט וועט
ווי צו אברהמען זיך באַווייזן
פאַר דיר; ניט אינעם דאָרנבוש,
נאָר אין שטריק, אין קייט־קאַלטן־אייזן
און אין חלף וואָס איז רויט
ווי אַ ליכט אין נאַקעטן אָרעם.
גיך, מענטש, גיך,
וואַרף אַראָפּ דיינע שיך;

נאָך איין ווייל און דו וועסט באַנעמען
אַז דו שטייסט פאַר אים —
פאַרן פייער וואָס ברענט
פון אייביק אָן ביז אַצינד
און ווערט ניט פאַרברענט;
מענטש, שטייסט פאַר גאָט,
פאַרן אייביקן בלוט וואָס רינט
און ווערט קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן
עם פליסט — פליסיק פלאַם.

ווי, לעבן, לעבן!
לעבן וואָס ווערט פון חיה — מענטש,
און פון מענטש — חיה.
ווער האָט מיך אַריינגעפירט אַהער?
ווער וועט מיך אַרויספירן?
טאָלסטאָי, גאָטפּאַרכטיקגעפייניקטער טאָלסטאָי,
פיר מיך אַרויס פון דאַנען;
געווג שוין מיט דיין הייליקער באָרד
ווישן דעם שווייס פון די געקרייזלטע פעלזן.
אַלע ווי איינער לייגן מיר אונטער
דעם קראַנקן געדאַנק
ווי פינגער אונטערן חלף —
ס'איז שלאַף אונדזער געדאַנק
אַף סתירה, סתירה, סתירה.

ווי, לעבן, לעבן,
אַוואו נעמט מען מענטשלעכן כח,
וואו נעמט מען דאָס גרעסטע פון אַלע געשרייען:
אוי, לעבן, לעבן!

קומט אַהער, איר אַלע גרויסע גייסטער,
מאָראַלפּלאַנצער, תורהגיבער, געזעצקריצער —
אַלע, אַלע, איר מענטשדערציער, לעבּנסרעכטהיטער,
קומט אַהער און זעט דאָס גרויסע זעאַכץ;
קוקט דעם בּלוט גלייך אין די אויגן אַריין
און זאָגט, זאָגט שיין און הויכריידיק:
מיר, אַלע וועלטגייסטער, מענטשלערער,
אויך מיר האָבּן נהנה געווען פון דער חיהס לייב —
מילך און בּלוט; בּלוט און מילך;
זאָגט דעם אמת, נישט מער ווי דעם אַמת —
דעם גרויסן, איינציקן, בּלוטיקן אמת
פונם הייליקן פייער: בּלוט און מילך.

יסודות פון דער וועלט.
אַן אייך וועט אויך זיין די וועלט?!
אַ, קראַנקער געדאַנק;
צעבּראָכענער, סתירה־געדאַנק.
אַוואו נעמט מען כח, — מענטשלעכן,
מענטשלעכן וואָס זאָל אויסשרייען דאָס גרעסטע
פון אַלע בּיזאיצטיקע געשרייען!

אַ, גיך, מענטש, גיך,
וואַרף אַראָפּ דיינע שיך —
נאָך איין וויל און דו וועסט
אַליין ווערן — גאָט!!
אַליין און זעלבּסט — בּלוט.
אַליין און זעלבּסט — פליסיק פלאַם.

א רינע פלייצט מיט אָקס און בהמה.
אויבן א מענטש (וואו א אויבן, איז א מענטש)
פאַרפּעטליעט א שטריק אַפן האַלדז פון חיה.
א שיבער — א וואַנט א גאַנצע רוקט זיך אַרויף
און א ווינגדיק בריקל שטופּט אַראָפּ די חיה.
אָ, שכל, שכלדיקע מענטשהייט!
ניין! ניין! ניין!
וואַרפן די בהמהשע קעפּ אַף אָנגעצויגענע שטריק.
די פלאַקסענע פּעטליע שרייט מיט דער גאַנצער אָנגעצויגנקייט:

פאַרוים! פאַרוים! בהמות פאַרוים!
ניט אַף צוריק, בהמות!
רעטונג און פרייהייט איז שטענדיק
פאַרוים! פאַרוים!
נאָר די חיות דרייען מיט זייער שווערע קעפּ
ניין! ניין !ניין!
איצט גלויבן מיר קיינעם ניט.
איצט . . .
א קייט כאַפּט אַרום א פוס פון חיה
און פאַרדרייט זיך ווי א פרעג־צייכן : א? א?
איצט? ניטאָ קיין איצט.
איין קייט — אָנהייב. איין קייט — סוף.
א האַנט גיט א צי דער קייט איבערן שטערן,
זי בלייבט אָנגעצויגן אין איר פילאָזאָפישן קלערן
און גיט א הייב די בהמה —
א פלאַכטע ווערט אויפגעהאַנגען צום טרוקענען.
דער חיות ניזדרעס פאַרהוקען מיט צוויי זיילן דאַמף
דעם בלוטיקן שפּיגל־טייך מיט זיך;
זי וויל ניט זען איר געשטאַלט אין לעצטן איצט.
אונטן די אויגן — ווייס און גרויס;
און אויבן איין כשרע קלאָע — רויט:
מיין געשפּאָלטענע קלאָע האָסטו באַפלעקט מיט בלוט.

מען לאָזט זי אַרונטער ביז העלפט אַף צוריק
אין דער בלוטיקער נעץ
פאַרן שוחטס נאַקעטן אָרעם וואָס פידלט איר האַלדז
איקס-מיקס-דריקס — כשר! און אַנטלויפט.

אַ באַרג האָט זיך צעטיילט אַף העלפט;
אַ ווייס פלעמל גיט אַ בליץ
און די דאַמבע פון בלוט איז צעעפנט —
אוים! אוים! אוים!

און איצט איז אַלץ איצטער,
און איצטער — אַלצאיינס אַלעמען:
דער בהמה, דעם מענטש און גאָט.

שינדער — שינד!
זעגער — זעג!
העקער — האַק!
דאָקטער — זוך!
נאָר פאַמעלעך —
ניין, נישט פאַמעלעך —
העקער, זעגער, שינדער, דאָקטער;
גיסט אוים דאָס פייער!
צעשינט דעם אייטער!
רייסט אויף דעם אָקס' זאָמענזאַק
און גיסט אוים די זרע,
דאָס לעצט ביסל מילך.

אוי, פאָגראָמען! פראָסקוראָוו! פאַסטאָוו!
פליט אַרוים פון מיין קאָפּ!
מעקט זיך אוים פון מיין געדאַנק!

נאָר מיט אַמאָל אַ געשריפט:

צווײ ריטשקעלעך מילך
אפֿן דאַמפּיקן פֿלאַך פֿון בלוט —
אַ נעאָן־שילד, רעקלאַמירט:
סוויפֿט, אַרמאַר, גאָט אינק.
אַן אײביקע אַלוועלטלעכע דרײ.

אָ, טויט! לעבן! — בויך!
וואו איז אײער אָנהייב? בויך!
וואו איז אײער סוף? בויך!
וואָס איז אײער ציל? בויך!
אָ, סוויפֿט! אַרמאַר! גאָט!
סוויפֿט האָט אַ בויך,
אַרמאַר האָט אַ בויך,
און גאָט, גאָט . . . דו אויך?!

איז אָט־דאָ דער אָנהייב?
איז אָט־דאָ דער סוף?
צו וואָס אָט דאָס אַלץ?
און אײביק, אײביק,
אײביק וועט עס אַזוי זײן?
דער סוף פֿון דער חיה —
אָנהייב פֿון מענטש . . .
און . . . מענטש??

ווײ, חלפֿדיקער געדאַנק, וואָס ווילסטו פֿון מיר?
רק פֿון מיר, בלויז פֿון מיר — געדאַנק, געדאַנק.

ער קלײדט זיך אָן אין מײן לײב,
אין מײן משפּחה קריכט ער.
שוחטים, שוחטים, שוחטים!
וואָס ווילסטו פֿון מיר
דו חלף־געדאַנק — געדאַנק, געדאַנק.

מיין זיידע, מיינע פעטערס, מיין טאַטע
און מיין ברודער — שוחטים, שוחטים!
טאָ וואָס ווילסטו פון מיר,
קראַנקער, סתירהדיקער געדאַנק?
גיי דיר צום שטאַרקן שולחן־ערוך!

דאָס קליינע געשטאַלט פון מיין זיידן
אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר:
אַ לאַנגע קאַפּאָטע ווי אַ שינעל פון אַ רויטאַרמייער
וועמענס ביקס־רער וויל זיין פאַרשטעקט מיט אַ רויטער בלום,
נאָר מיט אַ גאַרטל און אַ פּנים ווי אַ לעמעלע,
איז מיין זיידע וואָס חלפט אָקסן.
זיידע! זיידע! ווי רעאַל! זיידע!
ער אַנטלויפט פון מיין קול געטריבן
אינעם אָפענעם בויך פון אַן אָקס.
עס לויפן פאַרביי מיינע פעטערס,
מיין טאַטע, מיין ברודער — צעטומלט
מיט די חלפים אין די הענט
ווי אין אַ בהלה, ווי אין אַ פּאָגראָם.
זיי לויפן, לויפן, לויפן אָן אָפּשטעל.
וואו איז דער אָנהייב?!
וואו איז דער סוף?

אין זיך.
אין זיך; אַלץ אין זיך, הער איך אַ קול,
איז דער אָנהייב, איז דער סוף;
אין זיך, אין זיך,
אַלץ אין זיך, ניט אָט־דאָ;
ניט אין פייערדיקן, בלוטיקן גהינום
איז דער אָנהייב, און ניט אין אים — דער סוף.
אין זיך. אין זיך.

העי, פאַרמער, ווער מאַכט חזירים?
העי, פאַרמער, ווער מאַכט בהמות און לעמער?

דער באַוואקסענער בויך פון דער ערד מאַכט זיי.
דורכן האַלדז קריכט דער באַוואקסענער ערד־בויך
צו די חיות אין בויך אַריין, אין בויך —
אָט דאָס איז דער אָנהייב:

דער בויך פון דער ערד,
אין בויך פון דער חיה;
דער בויך פון דער חיה,
אין בויך פון מענטש;
דער בויך פון מענטש,
אין בויך פון דער ערד;
אַ רעגנבויגן פון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט
געוועלטיקט פון בויך ביז בויך —
אָ, בויך־וועלט! גאָרגל־וועלט!
בויך — גאָרגל! גאָרגל — בויך!
אָנהייב — סוף. סוף — אָנהייב — בויך — בויך.

גאָט, גאָט, וואו ביסטו?
ביסט דאָ? אָט דאָ?
איבעראַל ביסטו דאָ?

זע ,ווי מאָדנע איך ווער פאַרענדערט.
עס רייסן זיך פון מיר שטיקער טיילן.
גאָט, לאָז מיך ניט צעפאַלן ווערן.
עס קייקלט זיך אין מיר מענטשציטערנישן —
צי נעמסטו אַוועק די ערד פון אונטער מיינע פיס?
אָ, גאָט ניט טו מיך פּרווון ווי איובן;
איך האָב נישט ווער ס׳זאָל קומען פאַר מיר
אין מיין צער מיך טרייסטן.

איך בין אליין, גאָט, גאָט, כ׳בין אליין;
ווי — — דו — —
ווי — — יעדער באַשעפער — — יעדע באַשעפעניש . . .

אונ גאָט באַפרייט זיך; —
פון מיר קומט ער אוועק;
דורך מיין אויג גייט ער ארויס;
ער גייט גיך, לויפט, שווינדט,
אייליק — אַ ליכטשטראָם פון זון.
— — — — — — — — — — —

אַ ליכטשטראָם, אַ ליכטשטראָם;
אַ ליכטשטראָם פאַלט אַף אַלץ פון דרויסן,
דורכן עלעקטרישן גלאָב, דורכן צוזעערס אויג —
עס זעט אַזוינס וואָס סע גיט דעם ענטפער,
צום אָנהייב און צום סוף, אַן ענטפער:

ש-ש-ש — שטיל. שטיל — ש-ש-ש.
— ס׳איז מיינס! אַלץ איז מיינס!
די מילך און דאָס בלוט איז מיינס!
אַלץ איז מיינס — דאָס בלוט און די מילך, —
אַלץ! ס׳איז מיין חזיר, מיין לאַס,
מיין אָקס, מיין שוחט,
מיין בלוטקערער, מיין קייט,
מיין שטריק, מיין חלף
און מיין — דער מענטש מיטן גאַנצן עלעקטרישן פלייץ.
הערט! ווייסט! ענטפערט זיך!
אַלע זאָלט איר צוריקקערן צו מיר.

איך וועל אייך ווידעראַמאָל אַריינליייגן
אין די בערג פון וואַנענט איר קומט —
אינעם בויך פון דער ערד
זאָלט איר אויפֿווידער אַריין.
איבער אייך זיך וויגן זאָל געזאַנג פון כאַאָס און סתירה
ביז איר וועט צוריק אַרויס פונם ערדישן בויך אין
בעטהאָוונדיקע האַרמאָניע.
און איך און אַלע וועלן אַריין אינעם אויג פון פּאָעט
סע זאָל איבער אונדז וויינען און פון אונדז דערציילן;
און דער מאלער — פרילינג־הערבסט —
וועט אונדז אַלע אָנטאָן אין רויטקייט
פון פּאָמידאָרן, מאַלענעס, בוריקעס,
רויזן, טוליפּאַנען און מאָנבלעטער;
נאָר דעם זונפאַרגאַנג פון בלוטפּרייטיק,
זונפאַרגאַנג פון לעבן — פּליסיק פּלאַם,
דאָס זאָל דער מאלער מאָלן מיט זיין עכטן בלוט;
בלוט פון אונדזער אַלעמענס בלוט —
די אוניווערסאַלע שפּראַך,
די פּאָן פונם בלוטיקסטן לעבן —
מענטש, בלוט; מילך און בלוט.
פּליסיקער פּלאַם!

אָקטאָבערדיק
וואלד

אָקטאָבערדיק וואַלד

(סעפטעטן-קלאַנג)

I

אָקטאָבער, זומער ליגט געפאַלן בײַ דײַן רײַכער טיר,
ער שלאָפט אָן ריר — אַ פאַרביק אות אויף בויגנס בלאַנק פּאַפּיר.
געזעטיקט ווי אַ שטיר טראָגסטו זײַן צײַטיקײַט אויף דיר;
דײַן ציר: זומער׳ס אָנגעפּראַצעוועטע רײַכקײַט פון פריער.
יאָ, גביר ביסטו. טאָ קאָסיר אײַן דאָס חשובֿ אַלאַ באַנקיר
און טראַקטיר מיט אַ פּאָר לינדע טעג דער וועלט און מיר.
אָקטאָבער, זומער ליגט געפאַלן בײַ דײַן רײַכער טיר.

II

אָקטאָבער, גרין זײַנען נאָך די געשערענע לאַנען,
איך ווײַסניט פון וואַנען צו ביימער, קוסטן און שטאַמען
נעמט זיך צוזאַמען אַזאַ קלאָרקײַט: אוזאָרן-פּלאַנען
וואָס צאַמען די שענקייט מיט טרויער ווי בײַ סעזאַנען.
האַרבסט-פלאַמען — פאַרשטאָרבענער פליגל-פּאַטש פון פאַזאַנען
פאַנגט מײַן שפּאַנען, וועקט דעם צער פון גאָר נײַע מאַראַנען.
אָקטאָבער, גרין זײַנען נאָך די געשערענע לאַנען.

III

ס׳איז אמת, די ערד אַדרעסירט צו יעדן אײַן קאָנווערט:
פאַרוועהרט איז קיינעם ניט צו זײַן ווי שפּינאָזא דערנערט;
יאָ, איר לענד געבערט אַ דאַרווין, ווײַל זי באַגערט,
אַזוי שווערט הימל און ערד צו דעם וואָס איז ניט פאַרוועהרט.
ווימלט און מערט זיך די וועלט פאַרפּול, צעוואַקסט און צעיערט.
דערהערט איז יעדנס רוף נאָר געענטפערט ווערט גאַנץ פאַרקערט.
ס׳איז אמת, די ערד אַדרעסירט צו יעדן אײַן קאָנווערט.

IV

אַ ווילדע קאַטשקע שווימט אין לאַגון מיט גלאַנץ פון גראַניט;
שווימט געהיט; אַ מינדסטער שאָרך פאַרטרייבט זי ווי אָפּגעבריט
אונטערן וואַסער געניט; אָט איז זי דאָ און אָט — ניט.
מיט שטילע טריט רוקט זיך אַ יאַט געקנאָטן ווי פון קיט;
נאָר איידער ער ציט וואָס צום ציל — דאָס קאַטשקעלע פאַרפליט.
אַ צעשפּלוישט וואַסערשניט, יאַט, קאַטשקע — אַ בראָנז-בילד געשמידט.
אַ ווילדע קאַטשקע שווימט אין לאַגון מיט גלאַנץ פון גראַניט.

V

אָקטאָבער, בלוטיק קריגל אונטער זומערס האַלדז געשטעלט.
מיר געפעלט דיין פאַרב; איך ליב גאָר דיין מאָלן, דערפאַר קוועלט
אין מיר צעהעלט וואָס נאָך א י י ן אָקטאָבער האָט מיך ניט פאַרפעלט
צו זיין באַזעלט און זען בלויז וואָס נאָר דו ווייזט אומגעקנעלט:
פון דיין געצעלט ציען ווהיטמאַן און בעטהאָוון — פאַרשטעלט
פאַר דער וועלט — ברענגען, ווי סאַנטאָ, וואָס יעדנס האַרץ געפעלט.
אָקטאָבער, בלוטיק קריגל אונטער זומערס האַלדז געשטעלט.

VI

כ'מאַך אויף מיין האַרץ נאָמענלאָזער און פילנעמענדיקער.
דו, פילגאַרנדיק בים מיט הונגער; ווי אַ האָלץ-פּיקער
שלינג איך שטיקער רו-און-זעט — עסענץ אָקטאָבערדיקער.
דו, פאַרביקער וואַן גאָג. פאַגאַניני, לעבעדיקער;
וויינענדיקער קאָרסאַקאָוו אַף שעכעזאַדעדיקער,
קלינגעוודיקע שפּראַך; דיין טרייסט איז מיר אייגן-איינציקער.
כ'מאַך אויף מיין האַרץ נאָמענלאָזער און פילנעמענדיקער.

VII

אַף בּלאַט פון וואַסערבּלום איז אַ טשערעפּאַשקע אַרוים.
ס׳קוקט אוים ווי אין אַ קיישעלע — אַ פאַרגאַפּט קינד אין שוים,
מיט אייגלעך גרוים, גלאָזיק ווי בּאַ אַן אַלטער, שלויער מויז.
אין קרויז יאָגן זיך פלאַטערלעך לעם לעצט־בּליט פון אַ רויז.
ז־ז־ז־זבּויז־ז. סאַפּעט אַ גראָזשפּרינגער, טוט זיך אַ לאָז און אַ שטוים.
ש־ש־שטיל. בּלויז געדאַנק פּויקט: דאָ ניט ווייט רוישט שטאָט־געבּרויז,
אַף בּלאַט פון וואַסערבּלום איז אַ טשעערפּאַשקע אַרוים.

VIII

אָקטאָבּער, אַף די פליגל פון פאַוועס בּרענגסטו דיין זשויבּ.
טוסט זיי אַ הויבּ, אַ צענעם אין אַ צעפּעכערטבּלענדיק שטויבּ.
פאַרטיילסט דאָס דרויבּ צו יעדן אַ חלק צוזאַמענקלויבּ;
נאָר אויבּ איינער זעט עס אָן ווי דורך אַ פאַרשמירטער שויבּ
און קיין לויבּ צו דיר איז ניטאָ פון אים? טוט עס, איך גלויבּ,
די פאַרליבּטע טויבּ, די בּערעזע, די פּולקייט פון טרויבּ.
אָקטאָבּער, אַף די פליגל פון פאַוועס בּרענגסטו דיין זשויבּ.

IX

כ׳זע דיך ווידער, ווהיטמאַן, אין בּוים, אַ לעצטע טשופּרינע.
ס׳גראָז, דאָס גרינע, זאָגט: ס׳איז דו. בּיסט דאָ, ניט אין וויטרינע
צי אין קינע פון שראַנק מיט שטויבּ ווי אונטער אַ בּינע.
די שינע אַפן ראָד בּין איך; יאָ, וואָריק: די שנאה
און די סלינע פון אייראָפּע, יאַפּאַן, פּאַלעסטינע
און כינע (וואָס שפּייט אין לעבּן) רייסט מיין פלוך מיט פּיענע.
כ׳זע דיך ווידער, ווהיטמאַן, אין בּוים, אַ לעצטע טשופּרינע.

X

אָקטאָבער, טראָפּנס פֿון דיין פֿאַרב אויף מיין טינטפֿענדל האָט.
איך זע אין דעם, ווי אין דיר אַמאָל פֿאַרבאָרגן, מיין גאָט.
ס'ווערט מיין טראָט דאָן ספּריטנער, זיכער און ווי אַ דאָן קיכאָט,
אַף אייגן באַראָט, צעוואַרף איך מיין היים־צעקנאַלטן שראָט
אין סאַמע זאָט מיט הפקרדיקן אומרעכט; אַ צעשאָט
אַף גרויסשטאָט וואו ס'שטייט פֿאַרקרעמפּט מיין קלאַס — געבאַרבטער דראָט.
אָקטאָבער, טראָפּנס פֿון דיין פֿאַרב אויף מיין טינטפֿענדל האָט.

XI

פֿאַרשמייעט היפּט אַרום אַ טשיקאַווער, פֿעטער וועווריק —
הין און קריק, הין און קריק, ווי אַף אומגעזעענע שטריק.
ער איז אַש־גרוי־קופּערדיק מיטן קאָליר פֿון סטעלניק.
מיט איין בליק דערקענט ער דעם זשעסט צי מע איז אמתדיק.
ווי אַ גאָלדשטיק כאַפּט ער דאָס ניסל צו די ציין: קליק־קניק!
ס'איז עכט און ריכטיק; באַגראָבט עס שנעל, ערנסט און וויכטיק.
פֿאַרשמייעט היפּט אַרום אַ טשיקאַווער, פֿעטער וועווריק.

XII

ס'קויעט אין מיר מעדיטאַציעס וועגן מענטש־בוים;
ווי אַ טרוים וועפּט דער בלי זיך אויס, פֿאַרפֿליענדיק אין רוים.
היום, יום האַרבסט; לאַשטשעט די זון ווי פֿערלדיק שוים,
און פֿון מילגרוים־פֿאַרב מאָלט זי אַ מאָוואָלעאישע צוים.
ווי זוימגערויש שווינדט אַלץ אָפּ: נאָר מיר, ווי אין אַלטן רוים,
מיט זשוים פֿון שווערד, פֿעכטן, ס'זאָל דער נאָמען געדייען קוים.
ס'קויעט אין מיר מעדיטאַציעס וועגן מענטש און בוים.

XIII

אָקטאָבער וויל קלאָמפּערשט רעטן דעם פֿאַרשמאַכטן זומער.
גיט ער אַ נומער יולי־טעג און ווי אַ סטראַפּטשע אַ פֿרומער
דאָ אַרומער פֿאַרטרייבן מיט אַ בלימל זיין קומער.
ווי אַ טומער שרעקט אים דער זומער מיט קראַנקן־שלומער.
גיי, דומער! אָקטאָבער מאָלט פֿאַרבן ווי ניט קיין שטומער
צי סתם אַ ברומער, אַ ניט־שטאַנדהאַפּטיקער רעזומער.
אָקטאָבער וויל קלאָמפּערשט רעטן דעם פֿאַרשמאַכטן זומער.

XIV

ס׳איז שטיל. איך שפּאַן און פֿאַרגעס ניט אין וואָסער יאָר איך בין;
עס צעבלענדט בורשטין מיט ברוין־בראָנז־קופּער לעם ווערמעלין.
אַ קאָלירפּולע בין צעזשומט, שטעכט מיין אויג און מיין זין,
מיטן מענטשן־מין וואָס צו דער עקידה פֿירט די זין.
דערין מיין האַרץ־בלוט־געשריי אַפֿן גורל פֿון שפּאַניען —
אָ, דין אָקטאָבער־וויי; טרויריקע ברוין־בראָנז־קופּער־שפּין.
ס׳איז שטיל. איך שפּאַן און פֿאַרגעס ניט אין וואָסער יאָר איך בין.

XV

וואַסער־שפּריץ; געטשקעס און בראָנזענע בופלאָקסן צוויי.
לעם זיי, אַן אַלט פאָרפאַלק, פילט „טויט” ווי אראָמאַט פון טיי:
„אַ רונד איי איז די וועלט און נאַריש איז איר געדריי”.
ס׳איז שוין זונפאַרגיי. דער אָרום זעט זיך ווי אַף עקסרעי,
און איך מיט גרוים ווייַ באַנעם דעם פּאַנאָראַם און פאַרשטיי:
זיי, גיי, ס׳איז אפילו ניט ווי דער קרוג געמאַכט פון קליי.
וואַסערשפּריץ ; געטשקעס און בראָנזענע בופלאָקסן צוויי.

XVI

אַ קאָמאַר האָט זיך געזעצט אָנזויגן אַף מיין שטערן.
כ׳וויל זיך ניט ווערן און לאָז אים מיט מיין בלוט זיך נערן.
פינצטערקייט — בערן מידע, קומט און צעלייגט זיך גערן
מיט שווערן, מאַסיוון קאָפּ פאַרמאַטערט פון שרעק־קלערן.
געהיימע רערן פליסן מיט צייט; באַלד וועט אויפהערן
טאָג צו ווערן. כ׳זע זיין אונטערגאַנג און זיין געבערן.
אַ קאָמאַר האָט זיך געזעצט אָנזויגן אַף מיין שטערן.

XVII

כ׳קען פֿון דיר ניט אַנטלויפֿן, גרויזאַמער, שטרענגער היטער.
צעשלאָגן פֿון ריטער בין איך; אַ הונט אַ געשמידטער.
ווי שפּליטער ליג איך צעוואָרפֿן אין כאַאָס און ציטער.
כ׳בין פֿלאַמיק „אידנטער"; כ׳וועל קעגנשטיין דאָס געוויטער —
אַ צעבריטער שרייט ביז ס׳קומט אַ צווייטער, אַ דריטער
לייטערן געמיטער, דערלייזן פֿון וועלט־דערשיטער.
כ׳קען פֿון דיר ניט אַנטלויפֿן, גרויזאַמער, שטרענגער היטער.

XVIII

געטובלט אין בלוט טראָג איך זיך ווי אַ פֿאָן אין רויטן.
איבער טויטן, אויפֿגעגאַנגענע ווי הייסע ברויטן.
לעם פֿלויטן ליגן מיר הפֿקרדיקע, אָפּגעשיילטע שויטן;
ווי הורבעס קויטן אויפֿגעריסן פֿון גאַז און שרויטן.
ווי פֿוילע קנויטן איז די גנאָד צו אונז היינט ; אַף לויטן
וועגן מיר נויטן געוויקלט אין אייגענע הויטן.
געטובלט אין בלוט טראָג איך זיך ווי אַ פֿאָן אין רויטן.

XIX

כ׳וועל ניט אויסשרייען מיין אינערלעך קראַנק געשריי פון זיין.
ווייל מיט פיין איז יעדער באַלאַדן פונקט ווי דו מיט דיין
און אויב ניט קיין שיין ברענגען אים, איז צו וואָס נאָך אַריין
זאָל מיין גיפטיקייט אין זיין האַרץ ווי אַ שלעכטער ווייַן?
כ׳וועל שוין קיין פיפס ניט געבן מער ביז געוואַשן ווי ליין,
דין און פיין, וועל געלייטערט ווערן זעלבסט, טאָג־אויס, טאָג־איין.
כ׳וועל ניט אויסשרייען מיין אינערלעך קראַנק געשריי פון זיין.

XX

פייגעלעך פלושקען זיך באָם זוניקן ברעג פון לאַגון.
ווי אַ קאַרטון ווייזט זיך אַ זקנדל — אַ וואָלקן פון . . .
זייער ווייט און ציט זיך צו מנחה — אַ שטיקל אלון ;
אין זיך פאַרטאָן. צווישן ביימער, ווי צעגליטער טשוהון
צעגיסט די זון בלוטגעפלעקטע טייכן ווי באַ ווערדון.
העי, קאָלטון ! בלוטיקע מנחה ! אַוועק פון מיר — אַנטרון !
פייגעלעך פלושקען זיך באָם זוניקן ברעג פון לאַגון.

XXI

כ׳הער קולות פון געקרייצטן, געלינטשטן און באַשפּייטן:
מיר ווילן וועלט איבּערבּייטן מיטן גאַנג פון צייטן —
דורך שטרייטן, מיט נאָענטסטע צו זיך ווי צום פרעמד־ווייטן.
אונדז שלאָגט בּייזקייטן גולמדיק אַף וועלטס אַלע זייטן.
אָ, צייטן אָן אויסגאַנג! וואָס זאָל פאַר אַלע בּאַדייטן
גערעכטיקייטן פאַר היינט, פאַר איצט, פאַר צוקונפטס־ווייטן?
כהער קולות פון געקרייצטן, געלינטשטן און באַשפּייטן.

XXII

כ׳האָבּ ניט דעם מינדסטן חשק צוריק אין שטאָט אַריין גיין.
כ׳וואָלט אַזוי אַליין, אין פענצטערניש דאָ, געבּליבּן שטיין,
אַ גרעזל, קליין, אַף בּאַראָט ווי אַלץ. אַ דריבּנער געוויין,
פריי, קינדיש־ריין, שלאָגט זיך אימפּעדיק צו מיין האַרץ און בּיין.
כ׳פּעדער זיך גיין — אַ קראַנקע מאַמע צום קינדס מצבה־שטיין —
מיט קלינג פון ציין, איינגעקאָרטשעט מיין דאַר וועגעטאַר געבּיין.
כ׳האָבּ ניט דעם מינדסטן חשק צוריק אין שטאָט אַריין גיין.

ים־קאָנטשערטאָ

ממזרח שמש עד מבואו . . .

דער פעלדז ברומט מיט וואסעראָפּשלאָג
ווי אַ צעבייזערטע טשעלאָ אונטער פינגער.
און דער ים שרייט און שוימט
אין רעליגיעזן הויכן עקסטאַז:
וישתבח! ויתפאר! ויתרומם!

אַרויף, אַרויף־צו צו די הויכן —
דו! דו! דו!
בענג! דו — בענג!
עס קלאפּן גאָנגען אַף צעפּויקטע כוואַליעס:
ממזרח שמש עד מבואו; דו! דו! דו!
איבעראַל, אומעטום
וואַרפן זיך דיינע כוואַליעס
און קלינגען ווי אָנגעצויגענע פעלן אַף רייפן.
צו דיר, דיר, נאָר צו דיר —
ממזרח שמש עד מבואו!

ווילדע שבטים שוימען,
צו די ברעגן, צו די רוימען.
ס'וואַרפט דער ים זיך ווי צעוויגטע טאַצן:
בענג! אַ, דו! בענג — דו!

ס׳כוואַליעוועט אַפּ אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע
אַף דער אָפּגעשווענקטער סקאַלע,
דער פֿאַרפּיילטער, דער געשניצטער סקאַלע;
און זי ענטפערט אין איר צעטיילטקייט
מיט טאַצענע אָפּקלאַנגען עכאָ נאָך עכאָ:
אָה־האָ! דו!
דו! דו! בענג — דו!
נאָכאַמאָל: דו — בענג!
ווידעראַמאָל — דו־ו־ו.
בענג־אָ־בענג!
ממזרח שמש עד מבואו.

ווילדע שבטים זוכן די ברעגן,
פֿאַרלוירענע, פֿאַרצווייפֿלטע,
געיאָגטע, געטריבענע, געשטויסענע.
נאָר דער ים אַליין איז שטענדיק רעליגיעז.
פֿריער, איצטער, תמיד —
מיט הויכן עקסטאַז.
ער איז דאָס גרעסטע געטלעכע שטיק
פֿון אַלע רעליגיעזע מאַטעריעס.
די נאַכט ציט אַראָפּ פֿון זיך דעם פֿינצטערן שלייער,
די שטערן פֿינטלען מיט אויגן פֿאַרחידושט,
צייט אַנטבלויזט זיך אין גאַנצן — תהלימדיק,
דער הימל האַלט־איין דעם אָטעם אין פֿאַרגאַפּטקייט
ביז סיני־בלוי ווערט זיין רונדער פּנים.

ממזרח שמש עד מבואו —
טראָגט זיך דער ווינט טראָמפּיטעריש דורך בערג,
דער ים צישעט מיט שוימיקע פידלען אַף זאַמדן,
ווי קעסלפּויקן ברומט און ברומט די ערד,
ווי פּיקאָלאָס וויינט די פלאַנצונג אינעם אָרום,
ווי באַסן שיפּען זיפּצנדיק די זאַלצן,
ווי פליימן כליפּען צעפלייצטע טראָפּנס
אין דער לופט אַריין — אַלץ אין דער לופט:
ויתנשא! ויתהדר! ויתעלה! ויתהלל!
טרעפּ. טרעפּ. טרעפּ צו דער הויך . . .

ווילדע שבטים יאָגן זיך צו די ברעגן
באַגלייט צום טאַקט פון ווידערהאַלטע גאַנגען:
מזרח, מערב,
צפון, דרום.
וואָר וואַרנט וואָרן:
זעט ווי מיר אַלע זיינען
צוזאַמען, און באַזונדער, און איינציק געוואָרן;
איינסאַליינער און באַנאַנדער —
בויגן זיך, וויגן זיך, לויפן, שפּרינגען;
יאָגן זיך, וואַרפן זיך, שטופּן זיך אין געאייל
זיך־אַריבער, זיך־אַרונטער,
און צוריק — זיך־אַרויף, זיך־פאָרויס.
זיך אין זיך־אַריין,
זיך אין יענעם־אַריין,
זיך — אינאַלצאַריין.
ממזרח שמש עד מבואו.

ווילדע שבטים טרייבן זיך צו די ברעגן:
אין געדרענג, אין דער לענג,
אין צעפּאַל, מיט אַ — פלוצלינג!
מיט אַן אָפּשטעל! מיט אַ — אינטערוואַל:

איבערגעבראָכן. צעטיילט. אויפגעהערט.
און תיכף פאַרגעזעצט:
ממזרח שמש עד מבואו — אַרויף אַרויף!
צו די הויכן אַרויף-צו!
דו! אָה, דו!
שרייט און שוימט אין רעליגיעזן עקסטאַז דער ים:
וישתבח! ויתפאר! ויתרומם!
ויתנשא! ויתהדר! ויתעלה! ויתהלל!
טרעפּ, טרעפּ, טרעפּ צו דער הויך . . .

אַפּן לייב פונם ים שוועבט מוזיק,
אונטער דער מוזיק — תהומיקער ים
מיט ווירוואַרן, מיט געפּאַרן פון אַלע גזרן,
פאַר די קליגסטע הארן, פאַר די דומסטע נאַרן.

ווילדע שבטים שטויסן זיך צו די ברעגן,
ממזרח שמש עד מבואו!
געטער צעפראַלן זייערע פונדאַמענטן,
עלעמענטן שטעלן אויף פּאַלאַצן
פון אַלערליי יסודותדיקע אייביקייטן.
ים קערט איבער זיין אינגעווייד.
ים רייסט אַרוים זיך די געדערים.
נאָר דער פעלז ברומט ווי אַ צעבייזערטע טשעלאָ, —
ער וואָרנט. וואָרנט:
בענג! דו — בענג!
וואָר וואָרנט וואָרן — בענג!
אין דער לופט אַריין — דו-ו-ו!

אָ, וועמענס פנים טראָגט צו מיר די לבנה?
דאָס לויטערע פנים פון מיין מאַמען.

אַרמיסטיז טאָג

א י נ ה אַ ל ט :

דריי אַריינפיר לידער:

יעקב ראַנגלט זיך ווידער מיט אַ מלאך — — — — — — 7

ווער דאַרף אַ פאַלק? — — — — — — — — — — 8

ווען גויאישע געטער שטאַרבן — — — — — — — — — 9

אַכט פאָעמען — אייביקע פּראָבלעמען:

צוויי געשטאַלטן זייַנען מחדש די לבנה — — — — — — 13

בעטהאָוונס טויט — — — — — — — — — — — — 17

מאַנסבילשע ליבע — — — — — — — — — — — — 20

מענטש — רויג פון ים — — — — — — — — — — 26

דער ים רעדט — — — — — — — — — — — — — 27

פליסיקער, פּיסיקער ים — — — — — — — — — — 36

מענטש — בלוט און מילך — — — — — — — — — 47

אָקטאָבערדיק וואַלד — — — — — — — — — — — 66

ים־קאָנטשערטאָ — — — — — — — — — — — — 75